STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01722

IN A FARGLIVERTER SHTOT

Dan Kaplanowicz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. קאַפּלאַנאָוויטש (DON).

אין א פארגליווערטער שטאט

ווילנע אונטער די דייטשן

בילדער און הומארעסקן.

פאַרלאַג פון דעם פאַראיין פון די יודישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע.

תרפא — ווילנע — 1921

אינהאלט.

1) אַהיים — 3
2) בריוועלעך — 6
3) בילדלעך — 10
4) בריות — 15
5) כלי-קודש — 19
6) אויף געלעכטער — 23
7) מ'זאָגט — 28
8) אַ גלגול — 32
9) טשאָלנט — 37
10) אַ וואַנט-זייגער — 42
11) אַ שנאַפּס — 46
12) אַפּיקומן — 51
13) אַ פּעקל — 55
14) אַ איידעלע שטאָט — 61
15) שבת-תשובה — 65
16) קללות — 71
17) אַ מציאה — 76
18) קאָנצערט — 80
19) בילדלעך — 89
20) קאָמערציע — 91
21) בילדלעך — 95
22) ברייזלעך — 103
23) אַ קאַפּיטאַן — 108
24) בילדלעך — 112
25) מיליאָנען — 118
26) אַ נס — 125

דרוקערײ ב. ציונסאָן און קאָמפּ., ווילנע, טראָקער גאַס 13.

אהיים.

איך פאָר אַ היים, איר פאַרשטייט? אַ היים... איר שמייכלט — איר מיינט אַודאַי, אַז איך האָב קיין היים ניט? אַ טעות, מיינע טייערע יידן: דאָס בין איך דאָ ביי אייך אין ווילנע געוואָרן אַ „היימלאָזער", אָבער אין דערהיים...

איך בין ניט צופרידן מיט ווילנע, מיינט איר? חס ושלום! איך געדענק נאָך אַזוי ווי היינט דעם קבלת־פנים, וואָס מ'האָט מיר דאָ געמאַכט: יידישע בחורים זיינען מיר אַנטקעגן געפאָרן, מיינע פעקלעך געטראָגן, יידישע טעכטער האָבן מיינע קליינע דערשראָקענע קינדערלעך פאַר די הענט געפירט; און איך מיט מיין ווייב זיינען פאַמעלעך נאָכגעגאַנגען און האָבן געוויינט...

ניט איך אַליין האָב דאַמאָלסט געוואוסט, ניט מיין ווייב האָט דאַמאָלסט געוואוסט, פאַרוואָס מיר וויינען: ס'האָט געדריקט די האַרץ און ס'האָבן זיך געגאָסן טרערן... אָבער די ווילנער יידן האָבן מיר באַלד געגעבן ווייסע חלה — ס'איז דאַמאָלסט שבועות געוועזן — און כ'האָב זיך באַרוהיגט: ס'איז דאָך עפּעס — חלה!..

און נאָך יום־טוב האָט מען אונז, מיינט איר, פאַרלאָזן? ווילנע וועט דאָס ניט טאָן, ווילנע איז אַ יידישע שטאָט, ווילנע איז אַ טייערע שטאָט — כ'וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווילנע.

מען האָט מיך פאַרשריבן אין קאָמיטעט, מ'האָט מיר געגעבן ברויט אויף בייטאָג, אַ בעטל אויף ביינאַכט און מ'האָט מיר אַ בייעם נאָמען געשענקט:

— היימלאָזער...

ס'איז גוט אַ היימלאָזן: ער האָט אַ קאָמיטעט... איר מיינט, כ'ווייס ניט, אַז אַ סך ווילנער האָבן מיר מקנא געוועזן? איר מיינט,

כ׳ווייס ניט, אַז אַ סך ווילנער האָבן מיר אָפּט אַ קללה געגעבן: „צוליב מיר איז דער יקרות, צוליב מיר איז די לופט פאַרדאָרבן״ — איך בין דאָך אַ היימלאָזער...

איך און מיין ווייב און מיינע קינדער האָבן חדשים־לאַנג געהאַט אַ קאָמיטעט, און ווילנע האָט אונז געהאַלטן אויף קעסט. אַ טייערע שטאָט ווילנע! אַ פריילעכן קבלת־פּנים האָב איך געהאַט און — נאָך בעסער באַגלייט מען מיך אַ היים...

צי האָב איך אַ היים? אַז איך פאָר — מסתמא האָב איך! אַן אייגענע שטוב אַמאָל געהאַט אין מיין שטעטל; אַ קליינע, אַ נידעריגע, אַן איינגעפאַלענע, אָבער אַן אייגענע... אַ קליינע אַ דאַרע קיעלע האָב איך פאַרמאָגט, מיינע קינדער האָבן איר געפיטערט, מיין ווייב האָט איר פון אַן עין־הרע געהיט און איך האָב איר פאַר די הערנער געהאַלטן — אַן אייגענע קיעלע!...

מיינע געשעפטן? פרעגט איר. אייגענע פיר ווענט, אַן אייגענע קו, און ניט קיין היימלאָזער — וואָס האָט מיר געפעלט?

און היינט... מיין קליין שטיבל האָט נאָך דאַמאָלסט פאַר מיינע אויגן געברענט — ווי אַ ליכט האָט זי געברענט, און ס׳זיינען איינציגווייז געפאַלן די איבערגעפוילטע ווענט: מיין טאַטע האָט נאָך דאָ אין שטיבל געוויינט. דאָס שטיבל האָט געבערעגט און לעשן האָט מען ניט געטאָרט — גאַנצע מחנות האָבן זיך נאָך אונזערע ווייבער געיאָגט... און מיין קו, מיין קליינע דאַרע קיעלע האָט געשריען — איך הער נאָך איצט אירע קולות...

ניטאָ קיין שטוב, ניטאָ קיין קו און איך פאָר אַ היים...

פריינדלעך האָט מען מיך אין ווילנע באַגעגנט — אַ יידישע שטאָט ווילנע. נאָך פריינדלעכער שיקט מען מיך אָפּ. — אַ טייערע שטאָט ווילנע...

ס׳איז גוט אַ היימלאָזן: ער האָט אַ קאָמיטעט... ברויט האָב איך געהאַט בייטאָג און אַ בעטל ביינאַכט, און איך האָב געמאַכט דעם יקרות און איך האָב פאַרדאָרבן די לופט — וואָס האָט מיר געפעלט?.. קעסט אָבער גיט מען ניט אויביג: עס ענדיגט זיך דער טערמין און מ׳מוז אַרויסגיין פאַר־זיך... אַז מ׳מוז גיין — גיי איך. וואוהין?

אהיים

איך בין דאָרטן ניט עלנד אין מיין שטעטל: ס׳שטייט נאָך, זאָגט מען, דער שוואַרצער קוימען פון מיין אייוון און... כ׳בין דאָרטן אַ גרויסער בעל־משפחה: אויפן בית־עולם וואָס הינ־טערן גלחס וועלדל רוט מיין זיידע און מיין טאַטע און מיינע צוויי יינגעלעך און אַ מיידעלע... דער בית־עולם האָט ביי אונז ניט געברענט: מתים זיינען ניט קיין שפּיאָנען... אַ בית־עולם איז גאָר־נישט? ס׳קען זיין. אָבער מיין ווייב... זי זאָגט, אַז זי וועט אַרויספאַלן אויף די אייגענע קברים און זי וועט וויינען, און די טאַטעס און די זיידעס און מיינע צוויי יינגלעך און מיין מיי־דעלע — זיי וועלן מוזן ענטפערן! כ׳ווייס ניט, צו איז מיין ווייב גערעכט, אָבער אויב ניט דער אייגענער בית־עולם, טאָ ווער זשע דען וועט ענטפערן?! „מיר וועלןביידע שרייען״ — זאָגט די ווייב: „מיר וועלן ביידע וויינען אויף אונזערע טייערע קברים, מיר וועלן ביידע בעטן, און זיי וועלן זיך געוויס מיען פאַר אונז״. טאַקע שווער צו פועלן עפּעס ביי מתים, אָבער ביי לעבעדיקע איז דאָך אויך ניט לייכט... וועל איך פּרובן!

אַ טייערע שטאָט ווילנע: איך פאָר אָבער אַ היים.

נאָך וואָס?

בעסער אייגענע מתים, איידער פרעמדע לעבעדיקע...

בּריוועלע.

לכבוד ה׳רעדאַקטאָר!

ראשית איז ניט שייך, וואָרום דער גאַנצער מין בלאַט=צייַ-טונג איז לפי=דעתי... דאָס הייסט, כ׳האָב ניט די כּוונה אַרייַנצוּ-מישן זיך אין אַייערע עסקים. יידן דאַרפן האָבן מזונות און מ׳טאָר קיינעם ניט דן זיין. דער ענין פון שרייבן האָט אפשר יאָ א ממשות, אָבער במה דברים אַמורים, אַז פון דער שרייבעניש הערט זיך אַ ריח תּורה... שנית, איז טאַקע אַ גרויסער פּלא: פאַרוואָס שרייבט איר ניט וועגן דעם מצב הרבנות ביי אונז? אַמאָל איז דאָס ניט שייך געוועזן: אַלע שאלות זיינען אַרומגערעט געוואָרן מכּל הצדדים פון רבנים גופא, און די גאוני=הדור האָבן חלילה ניט גע-דאַרפט אָנקומען צו... חס=ושלום! איך בין חלילה ניט חושד ניט אייך אַליין און ניט אַייערע משרתים, וואָרום מ׳טאָר ניט פאַרגעסן, אַז אַ ייד כּל=זמן... איר מוזט דאָרך וויסן, אַז ישראל אַף על=פּי שחטא... נאָר בשעת דער מצב הרבנות איז געפאַלן עד שאול=תּחתּיה —איר ווייסט אַ פּנים, וואָס ס׳טוט זיך איצט אין אונזער עולם=הרבנות? אָט, למשל, איך גופא... אַ פּשוטער שׂכל: אַז מען האָט פאַרטריבן אין גלות מיין גאַנצע קהילה, ניטאָ אין שטעטל ניט קיין גבאי, ניט קיין שמש, ניט קיין בעלי=בתּים — קיין נפש=חיה איז ניט איבערגעבליבן, טאָ וואָס איז דאָ שייך רבנות? איך בין איין מאָל צוגעפאָרן אין מיין שטעטל, נאָך אַ מאָל געמאַכט אַהין אַ נסיעה, אָבער דער כּסא=הרבנות איז דאָך שייך נאָר... נאַרישקייט —ס׳איז דאָך אַפילו קיין מנין יידן ניט געבליבן, ס׳איז דאָך ביי אונז אין שטעטל אַפילו קיין ספירה ניטאָ מיט וועמען צו ציילן! איז לפי=דעתי אַ יושר... לכתחילה בין איך טאַקע מבטל דעם גאַנצ

ענין פון צייטונג: קיין גרויסן תיקון ברענגט דאָס אַ וודאַי ניט דער וועלט. גאָר וויבאַלד, אַז איר זייט זיך שוין יאָ עוסק מיט דעם, וואָלט דאָך געווען אַ יושר... גאָר פּשוט: איר קאָנט אָנ־שרייבן אין אייער צייטונג בדרך עצה, אַז היות, ווי ס'זיינען פאַראַן אַ סך יידן... מיין שטעטל הייסט פּ אַ מ ע ל י ש אַ ק—זאָלן זיי טאַקע פאָרן אין פאַמעלישאָק... כ'מיין, פאַרוואָס טאַקע ניט פאַמעלישאָק? ובזכות זה תבא עליכם ברכה.

ממני חופ״ק פאַמעלישאַק.

להחכם המשכיל עורך עתון יומי!

איך בין משער, אַז איר מוזט אַוודאַי זיין אַ גרויסער טרוד, וואָרום אַ בלאַט־צייטונג איז דאָך אַ רשות־הרבים און אַלץ וואָס ס'קומט פאָר אין אונזער עולם־התחתון, ווי גניבות, גזילות, רציחות הריגות—מוז דאָך סוף־כל־סוף בעקומען זיין תיקון אין דער בלאַט־צייטונג. אַז מען שמועסט: אַ רשות־הרבים — איז דאָך ניט שייך! און בטבע, דאַרף איך אייך זאָגן, האָב איך פיינט יענעם צו שטערן אין זיין עובדה, וואָרום אם־כן איז דאָך אין לדבר־סוף, איז דאָך קיינער ניט בטוח, אַז ער וועט מסיים זיין דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן! אַוודאַי איז דאָס ניט גלייך צו ביטול־תורה, וואָס אָן דעם קען די וועלט קיין קיום ניט האָבן אַפילו שעה אחת. נאָר ס'איז ניט שייך—מקח־וממכר איז אויך אַ דבר גדול, ווי די חכמים האָבן שוין בעוואָרנט: אם אין קמח אין תורה. האָב איך זיך טאַקע לכתחילה שטאַרק מיישב־געווען: יאָ שרייבן, ניט שרייבן, און ס'איז ביי מיר געבליבן בהסכם, אַז אַ בלאַט־צייטונג איז... כ'זאָג ניט— דאָס איז אפשר טאַקע נאָר אַ מסחר פון אַ יחיד, אָבער אַזוי ווי אויף דער וועלט זיינען פאַראַן חיות ועופות פון אַלע מינים, אַזוי זיינען פאַראַן מסחרים פון אַלע מינים. כ'וואָלט דאָס אייך געקאָנט מסביר זיין על־פי משל: דער דובנער, זכרונו לברכה, האָט דאָס אַרומגערעט הפלאדיק! גאָר פּשוט, ס'איז טאַקע ניט קיין יושר אָפּצונעמען ביי אייך צייט, און הגם אַ בלאַט־צייטונג איז אָן עסק פון אַ יחיד איז אָבער לאו־דווקא, דאָס הייסט, ס'איז איג־

גאַנצן תּלוי אָן דעם רצון־טוב פון דעם בעל־הבית! און וויבאַלד אַזוי — האָב איך צו אייך אַ בקשה. דאָס הייסט, אַוודאי איז דאָס נוגע מיך גופא אויך, אָבער דער עיקר שמועסט זיך דאָ וועגן כבוד־התורה, וואָרום דער מצב־הרבנות... אַ ייד טאָר זיך קיין מאָל ניט מייאש זיין; יידן האָבן שוין אויף זיך אַלץ געהאַט און די תורה איז ביי זיי פונדעסטוועגן ניט פאַרגעסן געוואָרן. אָבער ס'איז ניט שייך: ס'איז אַ חוב גדול אויף יעדערן, ובפרט נאָך אויף אַ בלאַט־צייטונג, מתבונן צו זיין אין דעם ענין, כּדי ס'זאָל חס־ושלום ניט קומען — אַזאַ צייט האָבן מיר נאָך ניט געהאַט! אַט איך גופא — געוועזן רב אין קאַטשערעשאַק, דאָס הייסט — גאָר אַמאָל בין איך געוועזן גאָר אַנדערש־וואו אין אַ קליין שטעטעלע: כּדרך־הטבע — די ערשטע רבנות...

בין איך געזעסן אין קאַטשערעשאַק אַ קיימא־לן פון צוואַנציק יאָר, און ס'איז קיין מאָל לא עלה על דעתי, אַז אויף די עלטערע יאָרן זאָל ווערן אַזאַ חורבן. דאָס הייסט, איך פאַל חלילה ניט אַריין אין קיין עצבות — די תורה וועט ניט פאַרגעסן ווערן און יידן וועלן ניט פאַרטיליקט ווערן, אָבער דער מצב־הרבנות... אַ בלאַט־צייטונג האָט געמאָגט נעמען זיך אויף די טירחה און מעורר זיין דעם עולם און — מ'זאָל טאַקי עפּעס טאָן, מ'זאָל טאַקי עפּעס זוכן — אַ מיטל, אַן עצה, אַ רפואה, אַ תּרופה! וואָרום אם־כּן איז דאָך — וואָס איז דאַמאָלסט דער יתרון פון אַ מענטשן ביז אַ בהמה? און דווקאָ קען מען פאַר קאַטשערעשאַק יאָ געפינען אַ תּרופה, וואָרום די קהילה גופא איז, אַ דאַנק דעם בורא אינגאַנצן: ס'איז פאַראַן דער גבאי, ס'איז פאַראַן דער שמש, עס זיינען געבליבן די בעלי־בתּים גבוהים און ס'זיינען אויך געבליבן על מקומם די בעלי־מלאכות, די הענדלער, די קרעמער. אָבער וואָס איז די פּעולה דערפון, אַז ס'איז קיין שטעטל ניט געבליבן, אַז ס'איז דאָרטן קיין גאַנצער בנין ניטאָ, און וואָס איז שייך כּסא־הרבנות, אַז ס'אין קיין בית־מדרש ניטאָ! אַ וודאי איז ניט גוט, אַז ס'בלייבט אַ שטעטל אָן אַ קהילה, אָבער אַ קהילה אָן אַ שטעטל איז אויך ניט קיין קלענערע קללה. אַ גזר — ממש אַ גזר מן השמים! און דווקא איז דאָס גאָר ניט אַזוי שווער מתקן צו

זיין. אַייער צייטונג האָט געדאַרפט אַ ביסל טעורר זיין דעם עולם, און יעדערער לפי ערכּו, וואָרום האָלץ קריגט מען ביי אונז און ציגל אויך: אַ יידישע קהילה ראַטעווען — איר זייט משיג וואָס דאָס איז? איך וואָלט דאָס געקענט אַייך מסביר זיין על פי משל: דער דובנער האָט וועגן דעם געזאָגט אַ גוט וואָרט, ממש גאונות! איך וויל אָבער ניט מפסיק זיין אייך פון דער אַרבעט — איר מוזט דאָך אַ וודאי זיין אַ גרויסער טרוד...

מטני חופ״ק קאָטשערעשאָק ל״ג בעומר תרע״ו.

בילדלעך.

ווילנער בית־עולם.

ווילנער בית־עולם...

בפירוש פריילעך איצט אויפן ווילנער בית־עולם. נאָך קיינמאָל אַזוי ניט געווען.

מיין מת האָט מען שוין לאַנג אָפּגעטאָן זיין רעכט: באַגראָבן און באַשאָטן, און דאָך... עפּעס ווילט זיך אַהיים ניט גיין. פריילעך אויפן ווילנער בית־עולם.

ציַיטן בייטן זיך...

אַמאָל נאָך אַ לוויה פלעגט דאָרטן מיט אַ מאָל ווערן אַזוי שטיל, אַזוי אימהדיק—ווי אויף אַ בית־עלמין. פאַר זיך האָבן זיך נאָר געשאָקלט די בוימער, מוראדיק האָבן געזשומעט די צווייגן, און אַ פּחד פלעגט באַפאַלן, טאָמער...

צוריק פון דאָרטן איז נאָך אַפילו קיינער ניט געקומען, אָבער די מחשבה האָט פונדעסטוועגן געאַרבעט: ווער ווייס: אַ קשיא אויף אַ מת, אפשר קריכט ער פאָרט אַרויס?...

יענע וועלט איז אַפילו אַ גאַנץ גוטע, און אַז מ׳איז שוין דאָרטן... אָבער אויך די וועלט איז אַמאָל געווען בישקשה: מ׳האָט געשמועסט וועגן עולם־הזה, און—ס׳האָט זיך טאַקע געקענט אַמאָל וועלן צוריק אַ היים...

אַזוי איז געווען אַמאָל. און היינט?

בפירוש פריילעך איצט אויפן ווילנער בית־עולם: מ׳בלייבט קיינמאָל ניט אַליין, און קיין פּחד איז אויך ניטאָ: צוריק וויל קיינער ניט. ס׳קאָן זיך ניט וועלן...

די מתים שווייגן, און ווער ווייס, וואָס זיי טראַכטן? אָבער אונזערע לעבעדיקע—זיי טענ׳ען דאָרטן...

ביי איין קבר שטייט אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער. די טאָכטער וויינט אין צוריסענעם פאַרטוך, און די מאַמע... פריילעך אויפן ווילנער בית־עולם.

— זיי מיר מוחל—טענעט די מאַמע: דו האָסט נאָך געקענט לעבן. כ׳ווייס, אַז דו האָסט נאָך געקענט לעבן, אָבער... כ׳וואָלט זיך מיט דיר געביטן, און דו דאַרפסט מיר מוחל זיין... כ׳בין דאָך אַזאַ פינסטערע אַלמנה געבליבן מיט זעקס יתומים... ברײַנקע, וואָס שווייגסטו? איצט איז די צייט! רייד, שריי, בעט— דאָס איז דאָך דיין טאַטע! בעט, ער זאָל אונז מוחל זיין און זאָל ער זיך פאַר אונז מיען, און זאָל ער דאָרטן דערציילן וועגן מיינע יסורים און וועגן מיינע קליינע דערפראָרענע קינדערלעך, און גאָטינקע, דערהער מיין פיין... ברײַנקע, וואָס שווייקסטו?!!

ביי אַ צווייטן קבר, טאַקע אינם זעלביקן ל ע צ ט ן „ראַזריאַד״ שאָקלען זיך און שרייען דריי שאָטנס אין שמאַטעס. איינע איז אַ ווייב, צוויי—זיינען שכינות. מ׳האַלט אין איין טענען — פריילעך אויפן ווילנער בית־עולם...

— טאַטע אין הימל, דערבאַרים זיך! דאָ אויפן הייליקן אָרט ווייס מען דאָך ניט פון קיין עוולות, דאָ ווייס מען דאָך ניט פון קיין רישעות — דאָ זיינען דאָך אַלע גלייך... ריבונו־של־עולם, דערהער מיין פיין און משפט מיך, ווי איך בין ווערט! מיין איינ־ציקן שפייזער האָסטו צוגענומען, און וואו זאָל איך איצט גיין? צו וועמען זאָל איך זיך קערן, צו וועמען זאָל איך זיך ווענדן, און פאַרוואָס האָסטו בעסער מ י ך ניט גערופן, פאַרוואָס האָסטו בעסער מיין זינדיקע נשמה ניט צוגענומען?...

— באַשעפער פון דער וועלט, ענטפער מיר — דו קאָנסט דאָך! אַלץ אויפן זינדיקן מענטשן, און ס׳איז ניטאָ ווער ס׳זאָל זיין געשריי דערהערן! מיר זיינען פול מיט עבירות, אָבער וואָס זיינען שולדיק אונזערע קינדערלעך? עפן אויף דיין ברייטע האַנט — דו האָסט דאָך אַ סך, און... באַשאַפער פון דער וועלט, דו גרויסער גאָט, דו שטאַרקער גאָט, דו האַר פון דער

וועלט! איך דאַרף ניט קיין פּאַלאַצן און בין ניט מקנא גאָלד און זילבער! ווייז מיר דיין חסד און טו נאָר גנאָד מיט מיינע קינדערלעך! אַ צובראָכענער שאַרבן שטייט פאַר דיר, און וואָס טויג איך און וואָס טויג מיין פינסטערער לעבן! און מיין שוועסטער די אלמנה מאַטערט זיך מיט אירע קינדערלעך, און דו קאָנסט דאָך אונז אַלעמען העלפן, דו קאָנסט דאָך... דאָס שטיקעלע ברויט!... און ביי אַ דריטן קבר... פריילעך אויפן ווילנער בית־עולם.

ת ה י ל י ם.

תהילים...

אַמאָל האָט ער געטראָגן אַ געשאָרן בערדל און האָט האָלט געהאַט אַ זעקס־און־זעכציק.

די בערדל איז ביי אים געוועזן שוואַרץ, אויף דער זשילעטקע האָט זיך ביי אים געבאַמבלט אַ גילדערנע קייטעלע, די אויגן האָבן ביי אים שטענדיק געפינקלט, און אַז מיר פלעגן זיך באַגעגענען, האָט ער אַלע מאָל געענדיקט דעם שמועס:

— קומט אַריין אין אָוונט: מיר וועלן מאַכן אַ זעקס־און־זעכציק...

דאָס איז געוועזן אַמאָל, ניט גאָר אַמאָל: נאָך פאַר צוויי יאָרן האָט ער געהזרט זיין שטענדיק פיזמון:

— קומט אַריין אין אָוונט...

און היינט—דאָס איז ער, בפירוש ער: מיינער אַ ידיד, זאָל איך אים ניט דערקענען? ניט קיין בערדל טראָגט ער — טאַקע אַ באָרד ממש, אַ י י ד י ש ע ב אָ ר ד; ניט קיין שוואַרצע — טאַקע אַ גרויע, אפילו אַ ביסעלע ווייסלעך. די זשילעטקע די זעלביקע— אויפן ליבקן זייט נאָר, און וואו איז די גילדערנע קייטעלע? אַז ס'איז ניטאָ קיין זייגער, וואָס דאַרף מען אַ קייטעלע? און די אויגן—מיינער אַ ידיד: כ'ווייס, אַז ער דאַרף ערגעץ האָבן אויגן, אָבער מ'דאַרף זיי זוכן, אַזוי טיף זיינען זיי ביי אים באַהאַלטן... און אַז מיר באַגעגענען זיך—ברומט ער אַלע מאָל אַרויס:

— תהילים...

— וואָס הייסט דאָס?

— גאָר פשוט.

— אָבער פאַרט?

— מ׳דאַרף זאָגן תהילים.

— ווער?

— אַלע!

— פאַר וואָס תהילים?

— דו ווייסט אַ אַנדער תרופה?

— ניין...

— קיינער ווייס ניט, און ס׳איז שלעכט: ס׳איז ביטער, ס׳איז פינסטער... דו הערסט? ס׳איז ביטער און פינסטער! און — בדרך־הטבע וועט קיין סוף ניט נעמען, און די כוחות גייען אויס. און... דו פאַרשטייסט?

— ניין...

— רחמים דאַרף מען האָבן, פאַרשטייסט? שכל איז שוין גאָרנישט, פאַרשטייסט? אַ נס מוז טרעפן, פאַרשטייסט?

— נו...

— מ׳מוז זיך נעמען צום תהילים...

אַ צונעמעניש.

אַ קלוגער ייד דאַכט זיך, און — עפּעס מאָדנע דיבורים רעדט ער. מיינער אַ פעטער איז ער, אָבער אַן אמת מאָג מען זאָגן אפילו אויף אַן אייגענעם טאַטן: ס׳קלעפּט זיך פאַרט ניט!

טאָקע נעכטן איז דאָס געווען. רופט ער מיך אַריין צו זיך דער פעטער, און — ער איז פון אייביק אָן אַ מכניס־אורח — האָט מיר מכבד געווען מיט אַ אַרבעס, האָט מיר געגעבן אַ קוק טאָן אויף אַ קאַרטאָפל און האָט מיר אָנגעגאָסן אַ גלאָז געדיכטע... געוואוסט האָב איך אפילו ניט, וואָס דאָס איז פאַר אַ משקה, נאָר ערשטנס

איז שווער אָפּצוזאָגן זיך היינטיקע צייטן פון „געדיכטע", צווייטנס האָט מיין פעטער בפירוש געזאָגט:

— טרינק אַ גלעזל טיי...

קיין ליגנער איז ער ניט, מיין פעטער — מסתמא איז דאָס טאַקע געווען טיי, און איך טרינק בהרחבהדיק, און... אָבער דער פעטער מיינער — עפּעס זיצט ער ניט איין אויף אַן אָרט און קוקט דורכאויס אויף די פיס: אַמאָל אויף מיינע, אַמאָל אויף זיינע, און ווידער אויף מיינע און נאָך אַמאָל אויף זיינע...

— פעטער, וואָס זוכט איר?

— גאָרנישט... איך קוק דאָס אויף מיינע קאַלאָשן...

— וואָס איז דאָ צו זען אויף זיי? — אַלטע, דאַכט זיך, נאָך פאַראַיאָריקע.

— אוודאי אַלטע, אָבער...

— אָבער וואָס?

— גאָרנישט... אפשר וואָלסטו זיי ביי מיר אָפּגעקויפט... כ'וועל דיר אָוועקגעבן וואָלוול...

— ניין, כ'דאַרף ניט: שוין צוגעוווינט זיך אַזוי. ס'וועט רעכט.

— אָט איך זאָג דיר — נעם צו די קאַלאָשן... אַז איך בעט ביי דיר קיין געלט ניט... נעם צו.

— ס'טייטש, פעטער: היינטיקע צייטן קאַלאָשן!

— ס'ווילט זיך ניט... פאַרשטייסט — אויף דער עלטער גאָר אַ צונעמעניש...

— וואָס פאַר אַ צונעמעניש? וואָס רעדסטו?

— דו ווייסט ניט? דער גאַנצער הויף רופט דאָך מיר: „דער ייד אין די קאַלאָשן"...

בריות.

ניט צו דערקאָנען געוואָרן די וועלט! דוכט זיך גאָר ניט לאַנג—ס'אַראַ פוילע ס'זיינען דאָס אַלע געוועזן, און איצטער — אַלע בריות געוואָרן!

אַמאָליקע יאָרן — ווען האָט מען דאָס געדאַרפט אויפשטיין פרי?—איין וואָך אין יאָר צו סליחות און דאָס אויך איז אָנגעקו־מען שווער ווי קריעת ים־סוף. ערשטנס, האָט דער שמש פריהער געדאַרפט קומען קלאַפּן אין פענסטער און שרייען: שטייט אויף צו סליחות! און אַז ער פלעגט שוין אָנקלאַפּן דער שמש און אַז ער פלעגט שוין אַ געשריי טאָן — האָט מען זיך פריהער אַ דריי געטאָן אונטער דער וואַרימער קאָלדרע, דערנאָך האָט מען זיך איבערגעדעקט הויך איבערן קאָפּ און דערנאָך — אַי פלעגט מען דאָס דאַמאָלסט געשמאַק אַיינשלאָפן!

ס'איז נאָך גוט וואָס דער שמש איז געוועזן אַ גרויסער עקשן—פלעגט ער אָנקלאַפּן נאָך אַמאָל, און אַז יענער קלאַפּט העלפט דאָך קיין טענות ניט—פלעגט מען אַ קוק טאָן אויפן זייגער, מען פלעגט שענקען אַ קללה דעם שמש, און צום סוף האָט מען העלפט סליחות פונדעסטוועגן אַלע מאָל פערזאַמט... דאָס האָב נאָר פאַרזאַמט אַ העלפט. אָבער מיינע בנים—זיי האָבן אַפילו קיין סליחות אין מויל ניט גענומען, וואָרום, וואָס שטאַרקער דער שמש האָט געקלאַפּט — אַלץ העכער האָבן זיי געכראָפּעט. און אויף מאָרגן האָבן זיי אַלע געהאַט איין תירוץ: פאַרשלאָפן...

איך רייד דאָ ניט וועגן דעם אומגליק און וועגן דער

עבירה—יונגע לייט טוען גרעסערע עוולות. און צי זיינען זיי יאָ געוועזן ביי סליחות, צי זיינען זיי ניט געוועזן ביי סליחות — בין איך זיי מוחל במחילה גמורה!

מען שמועסט נאָר אַנטקעגן דעם, וואָס... די זעלבע יונגע לייט, דוכט זיך, און—ס׳איז גאָר אַן אַנדער ריר, אַן אַנדער קער! ווער שמש? וואָס שמש? וואו שמש? אַ שמש דאַרפן זיי?! מ׳עסט אָפּ ביי מיר וועטשערע, כ׳מיין, ווי מען וויל קען מען זאָגן: ס׳איז עפּעס יאָ אַ וועטשערע און ס׳איז עפּעס ניט קיין וועטשערע—נאָר דאָס הייסט, פּונקט אין דער צייט פּלעגט מען אַמאָליקע יאָרן ביי מיר עסן וועטשערע... עסט מען אָפּ—ס׳איז דען פאַראַן אַ שיעור אין עסן, וואָס? און מען פאַרלעשט דאָס פייער, און באַלד טאַקע הייבן אָן מיינע בנים אַזוי שטאַרק צו כראָפּן, ווי מען וואָלט זיי געוועקט צו סליחות... אָבער לאַנג דויערט דאָס ניט. כ׳באַוויז אפילו ניט קריאת־שמע אָפּצולייענען — זיי זיינען שוין אויף די פיס! איינער כאַפּט אַ טישטוך, דער אַנדערער אַ האַנדטוך, דער דריטער אַ קערבל, און מ׳לויפט אין „אָטשערעד״...

וואָס איז די איילעניש, פרעג איך, וואָס איז די כאַפּעניש? שלאָפט נאָך אַביסל! וואָרום, ווי פאַר אייך זאָגנדיק, לוינט דאָס פאַר מיר, מיינט איר, דער עסק? אַוודאי איז גוט, אַז מ׳האָט קינדער בריות און אַוודאי איז גוט, אַז קינדער זיינען ניט קיין פאַרשלאָפענע. אָבער, פאַרשטייט איר מיר: מיינע בנים זיינען גאָט צו דאַנקען ניט קיין חולאים, און אַז זיי גייען אַוועק אַזוי פרי... אַז ס׳איז טאַקע גאָר קיין וואונדער ניט אויך: יונגע מענטשן און ניט קיין חולאים און מ׳שטייט אָפּ אַ גאַנצע נאַכט און מען באַקומט טאַקע די פרישע, די שמעקעדיקע לחמא, און אַפּעטיט פעלט ניט—איז אַמאָל ברענגען זיי יא אַ שטיקל אַהיים און אַמאָל טאַקע דאָס אויך ניט... כ׳מיין, זאָלן זיי עסן געזונטערהייט: יונגע קינדער און גאָט צו דאַנקען געזונד אויף אַלע אברים. אָבער וואָס איז די איילעניש מיטן אויפשטיין? וואָס איז די כאַפּעניש, וואָס איז די לויפעניש? אַ פּראָסטער שכל: אַז מען שטייט טאַקע אויף שפּעטער... ס׳איז דאָך אַ טאָג אַ יאָר, און... אַז די בנים פּטרן דאָס אַוועק אין דער פינסטער, גיי איך אַרום אַ גאַנצן טאָג און

איך צי די באָרד און קוק אויף די ווייב, און זי גייט אַרום און ציט דעם פאַרטוך און קוקט אויפן מאַן...

און, הערט איר? די וועלט קליגט זיך: ס׳טרעפט, אַז מיינע בנים לייגן זיך גאָר אַפילו ניט שלאָפן. זיי גייען זיך אַוועק פאַר־נאַכט גלייך צום אָטשערעד, און גיי קריג זיך מיט אייגענע קינ־דער, וואָס ווילן פאַרשפאָרן דעם טאַטן אַ טרחה!

אַוודאי איז דאָס גאַנץ פיין פון זיי, וואָרום קנאָפּ, מיינט איר, שטייען דאָרטן אַלטע טאַטעס און אַלטע מאַמעס, און די קינדער שלאָפן און מ׳ברענגט זיי פאַרטיקע אין שטוב אַריין? זינדיק איך טאַקע ניט און בין גאַנץ צופרידן מיט מיינע קינדער און האָב אמת הנאה פון זייער בריהשאַפט. נאָר אַז זיי זיינען גע־קומען אַהיים איין טאָג מיט ליידיקן און נאָך אַ טאָג מיט ליידיקן און אַ דריטן טאָג מיט ליידיקן... איר פאַרשטייט? פון ציען די באָרד קאָן מען לאַנג ניט ציען, און — כ׳האָב זיך אַפילו אַביסל געשעמט, וואָרום אין דער אמתן פאַרשפאָרן זיי דאָך טאַקע דעם טאַטן אַ טירחה... האָב איך זיך געשעמט און געשעמט, און האָב פאָרט איין מאָל געזאָגט: רוט אייך אויס, קינדערלעך, אַ בי־סעלע—כ׳וועל אַליין גיין אַמאָל... ניט קיין גוואַלד—כ׳וועל פּרובן אַמאָל צוגיין...

האָבן מיר מיינע בנים לכתחילה אפילו געפּרובט אָנשרעקן, אַז מען שטופּט זיך דאָרטן, אַז מען שטויסט זיך דאָרטן, אַז מען כאַפּט אַמאָל אַ קלאַפּ אויך, אַז ס׳איז סכנות־נפשות. און כ׳האָב זיי געגלייבט אויך און ס׳איז טאַקע אמת אויך: זיי זיינען בריות מיינע קינדער, אָבער ליגנער—חס־ושלום! אָבער, אַז זיי קומען איין טאָג מיט ליידיקן און נאָך אַ טאָג און אַ דריטן טאָג — האָב איך עפּעס וואָס אָנצוווערן? האָב איך זיך געמאַכט תמעוואַטע און האָב געשוויגן און געקוקט אויף די נעגל, און אַז די בנים מיינע האָבן זיך אָנהויב אָוונט אַ כאַפּ געטאָן ניט טויט ניט לעבעדיק און האָבן אָנגעהויבן לויפן מיט טישטיכער — האָב איך אויך גענומען אַ טישטוך און בין אַוועק...

אָן עלטערער מענטש האָט אויך אַ נשמה — איר מיינט, אַז איך האָב עפּעס געבראַכט אויף מאָרגן פרי אַ היים? דער וועטער

איז ביינאַכט געווען אַ גוטער, די לחמא האָט געשמעקט און... אפילו אָן געוואַשן, אָבער ווייניקער ווי אַ כזית מאָג מען דאָך, און שטיקלעכווייז... מילא וואָס אויף יענער וועלט וועט זיין, טראַכט איך שוין ניט — שמייסן איז שמייסן... אָבער טאַקע דעמ־זעלבן אָוונט האָט מיין ווייב אויך אַרויסגעשטאַמלט: איך בלייב אַליין אין שטוב — ס׳אַראַ אומעט... איר גייט אַלע — וועל איך אויך גיין...

דער גליק איז נאַר, וואָס ס׳איז ניטאָ אין שטוב ביי מיר וואָס צו גנבענען, אָבער ווען ניט... וואָרום אַ גאַנצע נאַכט וועט איר ביי מיר אין שטוב אפילו איין לעבדיקן נפש ניט גע־פינען: איך און די ווייב און די קינדער — אַלע כאַפּן מיר טישטע־כער און... מיין ווייב וואַשט זיך אפילו פאַרן אַוועקגיין: זי ווייס, אַז דער וועטער איז איצט גוט און אַז די לחמא שמעקט און אַז די גאַנצע משפּחהצקע איז אַלץ איינס דאָרטן — דאַרף זי דאָך ניט פאַרזינדיקן די נשמה אומזיסט און עסן אָן געוואַשן...

ניט צו דערקאָנען געוואָרן די וועלט: אַמאָל פלעגט אפילו דער שמש ניט קאָנען דערוועקן, און איצטער —

אַ וועלט מיט בריות!

כּלי־קודש.

נאָך גוט, הערט איר, וואָס איך גלויב ניט אין תחית־המתים, וואָרום ווען מיין זיידע עליו השלום שטייט איצט אויף פון קבר — אַי וואָלט איך דאָס געהאַט בזיונות! און מיינט איר, אַז אַ מיאוסן זיידן האָב איך געהאַט? איך מיט אים וואָלט זיך שוין גראָד ניט געהאַט וואָס צו שעמען, אָבער ער מיט מיר — אַי וואָלט ער דאָס אויף מיר גענומען נקמה! אַ מאָל בין איך דאָס געווען דער חכם — מיין זיידע האָט גערעט און איך האָב געלאַכט. אַלץ הייסט געלאַכט: כ'פלעג פון אים פשוט חוזק מאַכן — אַז ער האָט, זאָל ער מיר מוחל זיין, צייטנווייז טאַקע גערעט מאָדנע דיבורים! אָבער היינט... סך־הכל אַ צען־צוועלף יאָר, ווי ער איז נפטר געוואָרן און — כ'וואָלט אים היינט גלייך אין די אויגן ניט געקאָנט קוקן! גאָר פשוט — כ'האָב דעמאָלט געמיינט, אַז מיין זיידע אַ עלטערער מענטש — מ'ווערט אויסגעוועבט! איצט אָבער — סך־הכל צען־צוועלף יאָר, און כ'זע באַשיינפּערלעך, אַז מיין זיידע... אַ חכם איז ער געווען! אַ נביא איז ער געווען!

איר פאַרשטייט? אַ ייד איז אויפן לעבן פון קיין זאַך קיינמאָל ניט נתפעל געוואָרן! דאַכט זיך ער זעט אַלץ אַזוי ווי איך און הערט אַלץ אַזוי ווי איך, און פאַרשטייט אַלץ אַזוי ווי איך, און גאָרנישט — אויף אַלץ האָט ער געהאַט איין תשובה:

— ס'וועט רעכט ווערן.

פלעג איך דעמאָלט ס'רוב קוקן אויף אים, און חידושן זיך, און לאַכן: ס'טייטש, זיידע — איר זעט דאָך אַליין, אַז ס'גייט אונטער, אַז... איינער גאָלט די באָרד, אַ צווייטער זיצט אָן אַ היטל, אַ דריטער עסט אָן געוואַשן, אַ פערטער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם

אַרבע־כּנפות, אַ פינפטער טאַנצט מיט מיידלעך, אַ זעקסטער...
כ׳מיין, ווער האָט דאָס דעמאָלט ניט געזען, אַז נאָך אַ יאָר, נאָך צוויי, און ס׳איז אויס מיט אונזער יידישקייט?!

דער זיידע אָבער פלעגט דערפון גאָר ניט נתפעל ווערן און פלעגט מיר ענטפערן גאַנץ געלאַסן:

— ס׳וועט רעכט ווערן!

— סטייטש, זיידע, וואָס רעט איר? סטייטש — פלעג איך זיך שוין ניט קענען מער איינהאַלטן — איר זעט דאָך אַליין, אַז... די וועלט איז דאָך הפקר!

פלעגט ער אָבער ניט שטאַרק נתפעל ווערן פון מיינע קולות, ווי גאָר ניט אים מיינט מען דאָס נעמט ער זיך גאַנץ רואיג אַ בייעם שמעק טאַבאַק, מיין זיידע, טוט מיר פריינדלעך אַ פּאַטש איבערן פּלייצע, און רוימט מיר איין שטילערהייט אַ סוד:

— ס׳איז גאָרנישט, מיין קינד: זאָל זיך חברה אַ ביסל דורכטאַנצן — מ׳וועט קומען צו אונז...

ווי אַזוי? נאָך וואָס? פון וואַנען איז דאָס די ראיה? סתם גערעט! ער איז שוין טאַקע געווען גוט אַלט, מיין זיידע — האָב איך דאָס פון אים געלאַכט! אָבער היינט... מילא איך זע דאָך שוין, אַז דורכגעפאַלן בין איך, אַז דער נאַר בין איך געבליבן, און אַז מיין זיידע עליו השלום... איך זיץ נאָר און טראַכט און בין מלא־וואונדער: ווי גיך דאָס איז געוואָרן! ווי גיך חברה האָט זיך דאָס דורכגעטאַנצט! ווי גיך ס׳איז דאָס מקוים געוואָרן מיין זיידנס נבואה: מ׳ איז געקומען... סך־הכל מיט איין וואָך צוריק האָב איך זיך נאָך פאַר מיין געשטאָרבענעם זיידן גאָר ניט געהאַט וואָס צו שעמען — ס׳איז דאָך געווען חפקר אַ וועלט! און מיט אַ מאָל... ס׳איז פון די כּלים אַרויסצוגיין, איר הערט? וואו די גייסט און וואו די שטייסט — אַלץ הייסט יידישקייט! אַז כ׳דערקען גאָר די וועלט ניט! אַז כ׳דערקען גאָר מיין אייגענעם ברודער ניט — אַ וועלט מיט למדוואָוניקעס! לכתחילה האָב איך מיינע אייגענע אויגן ניט געוואָלט גלויבן: וואָס טוט זיך דאָ? פּשוטע יידן — ווי קומט צו זיי מיט אַ מאָל אַזאַ צדקות? גלוחים — פון וואַנען נעמט זיך דאָס אַזאַ פרומקייט? אָבער וואָס העלפט דאָס, אַז...

נעכטן אינדערפרי איז דאָס געווען — ס׳איז נאָך אַפּילו ניט גוט ליכטיק געוואָרן — קומט אַריין צו מיר מיין שכן... אַ יונגערמאַן אַ געוועזענער וואָיאַזשאָר — וואָס קען ער טאָן ביי מיר פאַרטאָג? מסתמא טראָגט ער מיר אָפּ די טאַליע קאָרטן — אָקאָרשט געענדיקט שפּילן, ערשט... בפירוש, אַז כ׳האָב מיינע אייגענע אויערן ניט געגלויבט! ווי געפעלט אייך עפּעס: אַ וואָיאַזשאָר זאָל קומען פאַרטאָג לייען אַ פּאָר תפילין? מיין איך דאָך, אַז ער לאַכט, און פרעג אים: עפּעס געוואונען? אָבער, אַז ער וויל גאָר ניט מפסיק זיין — ער זאָגט דערווייל „פון פּאָרגט" און שאָקלט מיט די ליפּן...

און אַז איך בין אַרויס אויפן הויף... צי איך בין משוגע, צי ער איז משוגה: יאָסל גרינבערג קומט מיר אָן אַנטקעגן מיטן טלית אונטערן אָרעם! אַז ער ווייס אפילו ניט ווי מ׳האַלט דאָס! אַז ער האָט שוין לאַנג דעם טלית זיינעם ניט אָנגעמאָסטן... כ׳ווייס גאָר ניט, צי האָט ער אים אפילו נאָר ווען אָנגעטען! היינט אין בית-מדרש גופא: געפּאַקט! איך זאָג אייך — מיט מאַטערניש האָב איך זיך ווי ס׳איז אַריינגעשטופּט. און דער עולם דאַוונט, און דער עולם שאָקלט זיך, און... פאַני זיסקינד, דאָס זייט איר? — פרעג איך מיין שותף. אַ ייד, וואָס האָט אויפן לעבן קיין צייט ניט געהאַט אַפּילו שבת און יום-טוב אַריינצוכאַפּן זיך אין אַ שול — שטייט ער איבער אַ גרויסער גמרא און שאָקלט זיך... און לייבע דער קאָמיסיאָנער — שטייט אויבן אָן, און דאָ רופט ער דעם שמש צו זיך, דאָ איז ער זיך אַליין מטריח צו דער בימה, און ער באַטראַכט דעם אויוון אין קלויז, און באַקוקט די פענסטער און מאַכט אָרדנונג...

און נאָך שמונה-עשרה האָט זיך אַ יונגערמאַן געשטעלט אויפן טיש, אַראָפּגענומען די מנורה... איר וואָלט זען אַ יונגערמאַן! איך קאָן אים אַפּילו ניט, נאָר מ׳זעט דאָך, אַז ס׳איז אַ פיינע זאַך, אַן אַדל, און גאָרנישט — אַראָפּגענומען די מנורה, און האָט זיך געשטעלט שייערן, רייבן און פּוצן... קיין חידוש ניט — ס׳איז ניט ווייט צו חנוכה, און די מנורה איז אַזוי פאַרלאָזן...

מילא, איך זע דאָך שוין, אַז מיין זיידע איז געווען אַ נביא — אַלץ הייסט מ׳איז געקומען צוריק! דאַוון איך אָפּ און — נאָך נעכטן האָב איך גענדאַרפט אַריינגיין צו מיין שוואָגער — האָב איך זיך

איצט פארבייגייענדיק אַריינגעכאַפּט צו אים. אָבער... ווען איך דערזע ניט אין פאַדערצימער די שוועגערן — וואָלט איך בפירוש געמיינט, אַז כ׳האָב פאַרבלאָנדזשעט! איין קלייניקייט: מיין שוואָגער זיצט ביים טיש אין אַ יאַרמולקע און שלייפט עפּעס אויף אַ מירמל־שטיין... די יאַרמולקע אַליין איז שוין מיר קשה געוואָרן — אַז כ׳האָב אים קיינמאָל ניט געזען אין אַזאַ מלבוש! און וואָס שאַרפט ער דאָ? אַ חלף, צי וואָס? האָב איך דאָך מסתמא אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר אויגן: וואָס איז דאָס? ווי קומסטו דערצו? וואָס טוט זיך דאָ? און זיינע צוויי בעליביתלעך... איינער זיצט און מאַכט איין ציצית, און דער אַנדערער שטייט ביי אַ אָפענעם חומש און איז מעביר די סדרה...

און מיין שוואָגער — ער רייבט דעם מעסער און רייבט... לאָזט זיך אויס איין קלייניקייט: ער וואַרפט אַוועק אַלע זיינע מסחרים, און — ער אַליין ווערט אַ מוהל, זיין עלטערער בעל־הביתל „גיט אָפּ עקזאַמען" אויף אַ בעל־קריאה, דער יינגערער בעלהביתל שניידט זיך אויף אַ שמש. ס׳זאָל ביי מענטשן גאָר דער מין גאווה ניט זיין! ס׳איז רעכט וואָס איר ווילט — אפילו שמשות, אַבי אַ יידישע אומנות, אַבי אַ כשרע־מלאכה...

וואָס דאַרפט איר מער — כ׳קום צוגיין אַ היים... זעט איר... — אויף מיין אייגענעם בן האָב איך זיך בשום־אופן ניט געריכט! דאָס הייסט — ער איז ניט ערגער פון דער גאַנצער וועלט, אָבער זיין צדקות געזאָגט געוואָרן אויף... אַ בחור, וואָס איז אויסגעטאָן געוועזן פון אַלץ אין דער וועלט: ניט קיין תפילין, ניט קיין ארבע־כנפות, ניט קיין ברכה, ניט קיין המוציא, ניט קיין לייב און ניט קיין לעבן, און מיט אַמאָל... איך קום אַריין אין שטוב... עפּעס הער איך אַ מאָדנעם קול... איך טו אַ עפן דעם צימער — ערשט מיין בן שטייט אין מיטן שטוב, האַלט אַ שופר און בלאָזט, און בלאָזט! — מיטן גאַנצן כוח האָט ער געבלאָזן, טאַקע ווי דער גרעסטער צדיק... וואָס טוט זיך דאָ? האָב איך אַ געשריי געטאָן — ווי קומסטו צו אַ שופר? ווער בלאָזט דאָס אין סאַמע מיטן ווינטער? לאָזט זיך אויס — טאַקע ווידער די זעלביקע מעשה: ס׳ווילט זיך אים ווערן... כלי־קודש נעמט מען דאָך ניט אויף צוואַנגאַרבעט...

——✿✿✿✿——

אויף געלעכטער.

אַ שיינע מעשה, ווי איך בין אַ ייד! און אַז איך בין אַ בעל־עגלה איז וואָס — איז שוין מיין ביילקע אַ קהל׳שע. וואָס? אַ שיינע יאַזדע, ווי איך בין אַ ייד! ווער רעט אַמאָליקע יאָרן בשעת איך בין נאָך געוועזן ביי די כּוחות — מיט פינף פינגער פלעג איך אַמאָל אויפהייבן די גרעסטע ראָד, ווי איך בין אַ ייד! און אַז מ׳האָט געדאַרפט אַרויסציען אַ וואָגן מיט זיבציג פוד משא פון בלאָטע — האָב איך, מיינט איר, געזוכט העלפער? אַליין ווי איך בין אַ ייד! איר קוקט ניט, וואָס כ׳בין אַ קורצער — כ׳האָב אַמאָל דערלאַנגט אַ רעמיזניק אַ פּאַטש איבער דער פאָטאָגראַפיע, האָט ער זיך ביי מיר אַ קייקל געטאָן ווי אַ קניידל, און — איר קאָנט ניט פינקען, קאָנט איר ניט? עד־היום איז ער אויף איין אויג: די אַנדערע איז דעמאָלט געבליבן אונטער׳ן וואָגן, ווי איך בין אַ ייד!

אַוודאי איז שוין היינט ניט דאָס, וואָס אַמאָל — ניטאָ דער אַמאָליקער שנאַפּס, ניטאָ די אַמאָליקע פיש־קניידלעך, און אַ מענטש איז געגליכן צו אַ פערד להבדיל: שיט מען האָבער לויפט דאָס! נאָר קיין מלמד בין איך נאָך היינט אויך ניט: איין רעכטן שנאַפּס גיט מיר נאָר און אַ הערינג פאַרבייסן, און... ווען איך פּאַק דעמאָלט דעם פּאַסאַזשיר מייגעם, איז נאָך אים, ווי איך בין אַ ייד! איך וואָלט גאָר ניט געקוקט, וואָס ער גייט אין אַ קאַפּעליוש! די נשמה פון אים, ווי איך בין אַ ייד! איר פאַרשטייט עפּעס אַ יאַזדע? מיט מיין ביילקען וויל ער זיך גאָר שפּילן! כ׳האָב קנאַפּ אויף איר דעם לעבן אַוועקגעלייגט? כ׳האָב איר אַפילו דינען ניט געלאָזט גיין, ווי איך בין אַ ייד! בעסער געקויפט איר אויסצוצאָלן אַ זאָקן־

מאַשין, און קלאַפּ! איר וואָלט זען אַ מיידל — אין איר פּנים ניט ניט אַייצוקוקן זיך, ווי איך בין אַ ייד! וואָרום ס׳האָט איר ווען עפּעס געפעלט ביי מיר מיינט איר? צו בייזן בין איך טאַקע אַמאָל אַביסל אַ האַסטיקער — מיט׳ן קאָפּ אין דר׳ערד! נאָר צום גוטן — איז נאַ דיר די נשמה, ווי איך בין אַ ייד! און מיט ליידיקן האָב האָב איך זיך אַמאָליקע יאָרן קיינמאָל אַהיים ניט אומגעקערט: איז אַ פונט פלאָטקעס, איז אַ קעז, איז אַ לונג־און־לעבער, איז אַ קוואַשענע — אַלץ אַהיים געבראַכט, אַלץ פאַר מיין ביילקען! און אין מיטן דערינגען... זי האָט אַפילו פון מיר געכאַפּט אַ חלק — זי ווייסט שוין דאָס געדיינקען מסתמא ביז׳ן קבר אַריין, וואָרום אַ פּאַטש געבן קאָן איך נאָך עד־היום — ס׳געדיינגט זיך נאָך די מלאכה פון אַמאָל! געזען אַביסעלע אַ איינפאַל פון אַ מיידל? ס׳וואָלט געפּאַסט, אַז זי וואָלט זיך געהאַדעוועט ביי מיר אין דער פרעמד, אַז זי וואָלט, רחמנא־לצלן, געוועזן אַ יתומה... אָבער דו האָסט קיין טאַטן ניט, וואָס? איך בין געשטאָרבן, וואָס? און אַז כ׳בין געבליבן אָן אַ פערד איצט, נו איז וואָס? בין איך שוין, הייסט עס, אויס טאַטע? בין איך שוין גאָר אויף דער וועלט ניטאָ? דאַרף מען שוין ביי מיר גאָרנישט פרעגן? דאַרף מען שוין קריכן פון דער הויט? ערשטנס לעב איך נאָך, ווי איך בין אַ ייד! און אַז איך עס זיך אָן צו זאָט מיט בולבע — וואָלט איך נאָך היינט אויך צוקנייטשט אין די פינגער אַ גאַנצן מנין שמייסערס — איך שפּיי אויף זיי, ווי איך בין אַ ייד! צווייטנס, וואָס איז דאָ אַזוי דער גוואַלד? וואָס שרייסטו קאַראַ־אול? אויפן ביידעם ליגן נאָך ביי מיר אַ גאַנג געשמידטע רעדער און די קאַרע שטייט נאָך אויך לעבן שטוב, און אַז גאָט גיט אַ שטיקל סוסל — וואַרף איך אים אַריין אין די האָלאָבלעס, און — בערעגיס! דאַכט זיך, אַז אַ דערוואַקסענע מיידל מאָג דאָס אַלץ פאַרשטיין — שוין ניט קיין פּיצינקע, מיין ביילקע! אָבער וואָס אַ מיידל קאָן איינפאַלן! איר הערט דאָך — פאַראַכטאָגן פרייטאָג איז דאָס געוועזן — פוצט זי זיך אויס מיין ביילקע... גאָט צו דאַנקען — זי האָט נאָך גאַנצע שיך פון אַמאָל, זי האָט נאָך איין קליידל און נאָך אַ קליידל — כ׳האָב אַמאָל פאַר איר ניט געזשאַלעוועט. טוט זי זיך אָן און גייט אַוועק. אַ נאָווינע דאָס איז מיין ביילקען צו גיין אויפן שפּאַ־

ציר? און פּאַרוואָס טאַקע ניט — גיי געזונטערהייט! אָבער געקומען איז זי — ווי איך בין אַ ייד, אַז כ׳האָב ניט דערקאָנט מיין ביילקען! עפּעס האָט זי געלאַכט און געוויינט, און ס׳איז איר געווען קאַלט און ס׳איז איר געווען וואַרים, און דאָ איז איר פּנים געוואָרן רויט און מיט אַמאָל — אַ שענערע לייגט מען אין דרערד אַריין, ווי איך בין אַ ייד!

— ביילקע — זאָג איך — וואָס איז מיט דיר, ביילקע?

— גאָרנישט — ענטפערט זי, און אַלע קאָלירן בייטן זיך איר אין פּנים.

מילא, גאָרנישט איז גאָרנישט! קיין דאָקטער בין איך ניט און קיין פעלדשער בין איך אויך ניט, און אַז יענע זאָגט גאָר־נישט — האָב איך עפּעס וואָס צו באַלאַמוטשען? אָבער ביילקע — אַז ס׳איז גאָר ניט זי, ווי איך בין אַ ייד! צוועק בייטאָג פון שטוב — אַזאַ יאָר אויף מיר, ס׳אַראַ מיידל דאָס איז געווען! און געקומען איז זי... מילא, ביילקע אַהער, ביילקע אַהין — כ׳האָב אַ געשריי געטאָן אויך, און טאַקע הויך אַ געשריי געטאָן: ביילקע, וואָס טוט זיך דאָ מיט דיר?! ביילקע, וואָס שטומסטו? ביילקע, ווער האָט דיר... ביילקע!!!

— כ׳האָב חתונה געהאַט...

משוגע, צי חסר־דעה! אַ שיינע יאַזדע, וואָס זאָגט איר? זי מאַכט שוין גאָר חוזק פון טאַטן! ס׳איז גוט האַ? זאָג איך צו איר:

— ביילקע, אַן חכמות! ביילקע, כ׳האָב דאָס פיינט! ביילקע!...

צולאַכט זי זיך אויפן קול און שיסט אַרויס:

— טאַטע, אַז איך האָב פאַרט חתונה געהאַט!

איז די ערשטע זאַך האָב איך איר דערלאַנגט איין מאָל אין באַק און נאָך אַמאָל אין באַק — כ׳קאָן די תורה! וואָס הייסט דאָס התונה־געהאַט? און וואו איז אַ טאַטע? און וואו איז אַ מאַמע? און וואו איז אַ משפחה? און וואו איז אַ חופה? און וואו זיינען קלעזמער? און וואו חתונה? ווען חתונה? וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ בהלה געוואָרן אויף דיר? ווער האָט דיר געהייסן? מיט וועמען האָסטו זיך דאָס מיישב געווען? אַז איך פאַרשטיי אַוואָרט ניט —

גיב איך דערווײַלע נאָך אַ פּאַטש און נאָך אַ פּאַטש: ביילקע, וואָס טוט זיך מיט דיר? ביילקע, וואָס האָסטו געטאָן? ביילקע, כ׳וועל דאָך דיך אין דר׳ערד אַרײַנלייגן! ביילקע, ביזט בײַם דעת?! ביילקע, רייד מיט באַק-צײַנער!!

— אויף געלעכטער האָב איך חתונה געהאַט...

איך בין אַ פּראָסטער ייד, אַ בעל-עגלה—פֿאַרשטיי איך זיך ניט אויף אַזוינע זאַכן: וואָס איז אויף געלעכטער און וואָס איז אויף אַן אמת?! מילא, כ׳האָב איר קיין פּעטש ניט געזשאַלעוועט, אָבער וואָס איז דערפֿון די פּעולה, אַז מײַן קאָפּ באַנעמט דאָס פּאָרט ניט! אפילו אַ פֿערד, להבדיל, קויפֿט מען ניט אויף געלעכטער! האָסט אים אויסגעפּרובט און דו האָסט צוגעפּאַטשט—איז דער סוס דײַנער. וואָס הייסט דאָס עפּעס אויף געלעכטער?! אַ קיצור, ביילקע אַהער, ביילקע אַהין—זי האָט אָנגעהויבן געבן לשון! לאָזט זיך אויס, אַז עפּעס איז טאַקע יע געוועזן, אָבער וואָס—ווי איך בין אַ ייד, אַז איך פֿאַרשטיי נאָך איצט אויך ניט! מילא, האָט זי בײַ מיר יע געפֿרעגט, האָט זי בײַ מיר ניט געפֿרעגט—כ׳וואָלט איר שוין מוחל געוועזן דעם כבוד, אָבער לכל-הפּחות... וואָס הייסט דאָס עפּעס אויף געלעכטער? אויף דער רעמיזיע בײַ אונז מאַכט מען אויך אַמאָל אַ געלעכטער: מ׳שיקט אַוועק אַ שמייסער אַן עק וועלט נאָך אַ יאַזדע און ער כאַפּט דאָרטן קלעפּ וויפֿיל ס׳קריכט אין אים אַרײַן. אָבער חתונה האָבן אויף געלעכטער—ווי איך בין אַ ייד, אַז... איר גליק איז נאָך, וואָס איך בין דעמאָלט ניט געוועזן בײַ אַ שנאַפּס—כ׳וואָלט פֿון איר געמאַכט אַ שיינעם צימעס! און ווען איך פּאַק אים אַליין, טאַקע דעם רעכטן פּאַסאַזשיר—קיין לעבעדיקער וואָלט ער שוין פֿון מײַנע הענט ניט אַרויס! אָבער ווער איז ער? וואו איז ער? וואָס טוט ער? וואו זעט מען אים? בײַ וועמען וואוינט ער? אָבער רייד צו איר און רייד צו דער וואַנט! אַז זי ווייסט אַליין אויך ניט! איר פֿאַרשטייט עפּעס אַ חתונה? איר פֿאַרשטייט עפּעס אַ שידוך? ער איז, זאָגט זי, אַ הויכער יונגערמאַן אין אַ שוואַרצן מאַנטל מיט אַ ווײַסן קראַגן, און ער טראָגט ברילן, און קלײַבט זיך מאַכן אַ יאַזדע... און אַז איר וועט זײַן

מיט טויזנט קעפ—וועט איר אים דערקאָגען? קנאפ יונגע־לייט אין שוואַרצע מאַנטלען זיינען פאַראַן אויף דער וועלט? ער וואָלט זיך שוין פון מיר געוויס ניט געגאַרט, אָבער זייט א בריה און פאַקט אים! און מיינט איר, אַז איך האָב אים ניט געזוכט, דעם פאַרשוין? און מיינט אים, כ׳האָב ניט אָפּגעשטעלט אויפן גאַס אַ בחור אין ברילן? און מיינט איר, כ׳האָב ניט געפּאַקט קיין הענט? גע־פאַקט אַ בחור אין ברילן, וואָס האָט טאַקע חתונה גע־האַט אויף געלעכטער, נאָר גאָרנישט—זיין גליק איז, וואָס ניט מיט מיין ביילקען: ער האָט געפונען אַן אַנדער בתולה! כ׳מיין, כ׳וועל דאָך ניט שלאָגן קיין בחור גלאַט אין דער וועלט אַריין! און מיין פּאַסאַזשיר — ווי אין דר׳ערד איז ער אַריין, ווי איך בין אַ ייד!

— ביילקע,—זאָג איך—וואו האָסטו אים באַגראָבן? ביילקע, וואָס וועט דאָס זיין? ביילקע, וואו איז ער? ביילקע, ווער האָט דאָס חתונה אויף געלעכטער? ביילקע, וואָס האָסטו געטאָן? ביילקע, דערלאַנג מיר דעם פּאַסאַזשיר!

— טאַטינקע — האָט זי זיך אָנגעהויבן ביי מיר בעטן — ער איז ניט שולדיק... ער האָט געוואָלט אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע און אַ בחור אָן אַ ווייב לאָזן די דייטשן ניט און... טאַטינקע, טשעפּע אים ניט, וואָרים דער סוף וועט זיין אויף אַן אמת, כ׳וועל שוין פון אים ניט אַוועקגיין... זאָל ער מיינען...

ווי איך בין אַ ייד, אַז זי איז ניט קיין נאַר, מיין ביילקע!

מ׳זאָגט.

אַז איך גיי זיך דורך איבער די ווילנער גאַסן, און דאָ באַגעגן איך אַ גוטן באַקאַנטן, און דאָרטן טרעפט מיך אַ גוטער פריינד, און אַ ביסל ווייטער שטעלט מיך אָפּ אַ קרוב, און אויף אַ צווייטער גאַס האַלט מיך אָפּ אַ שכן, און מיט דעם רייד איך אַ פּאָר ווערטער, און מיט יענעם כאַפּ איך אַ קורצן שמועס — דערמאָן איך זיך דערמאָלט אָן מיין באָבן, עליה=השלום.

איך געדיינק נאָך אַזוי ווי היינט, ווי די באָבע מיינע פלעגט פאַרלייגן מיט די הענט אויפן האַרצן, פלעגט אונטערשאָקלען טרויעריק מיטן קאָפּ, און קוקנדיק אויף מיר פלעגט זי שטענדיק איבערחזרן מיט אַ זיפץ:

— אַ נאַר איז ערגער ווי אַ קאַליקע.

דאָס פלעגט זי מיינען מיך, די באָבע, און איך האָב דערפון געהאַט גרויס עגמת=נפש. ערגער ווי אַ קאַליקע! איך פלעג זיך אָבער דעמאָלט טרייסטן: אַליין בין איך אַפילו ניט קיין חכם, אָבער עפּעס בין איך דאָך אַ ווילנער: אַ שטאָט פון אמתע לאַנד=חכמים!

האָט מיר טאָקע אַמאָל ניט אַזוי שטאַרק געאַרט, וואָס איך אַליין בין אַ ביסעלע טעמפּלעך: צווישן אַ סך חכמים רייבט מען זיך דורך. היינט אָבער — בפירוש איך דערקאָן ניט ווילנע! אויף אַזוי ווייט, אַז כמעט=כמעט כ׳האָב זיך שוין ניט וואָס צו שעמען אַנטקעגן לייטן, דאָס הייסט, צו נאַרישקייט איז דאָך קיין שיעור ניטאָ—ס׳קאָן זיין, אַז מיט אַנדערע שטעט האַלט נאָך ערגער; אָבער ס׳קלעקט... לאָזט זיך אויס, אַז אַ שטאָט איז געגליכן צו אַ מענטשן: ווי לאַנג ס׳קלאַפּט נאָך ביי אים דער דופק—קאָן מען קינמאָל ניט וויסן דעם סוף! אַי אַ סוף! אַלץ האָב איך אויף ווילנע

בעגלויבט, אָבער, אַז מיר זאָלן פּלוצלונג אַלע מיט איין מאָל ווערן... כ׳מיין אייגענע מענטשן, וואָס איז די שעמעריי: אַז מיר זאָלן אַלע מיט איין מאָל ווערן ערגער ווי קאַליקע — אויף דאָס האָב איך זיך שוין ניט גערעכט!

אַמאָל האָט מען אונז גערופן: ווילנער נאַשערס. אַוודאי איז דאָס קיין גרויסער כּבוד ניט פֿאַר אַזאַ קהילה—פֿאַראַן אויף דער וועלט שענערע מעלות. נאָר האָבן מיר דאָך דאַמאָלסט לכל־הפּחות הנאה געהאַט, און דעם צונעמעניש האָבן מיר כּשר פֿאַר־דינט, וואָרום צווישן זיך גערעט: קנאַפּע זולל־וסובאס זיינען מיר געווען?

ביי אַ ווילנער בעל־הבית האָט איר אַמאָליקע יאָרן געקאָנט פּועלן, ער זאָל בדקנען אַ הערינג אין אַ פּראָסטן מאָנטאָג — סתּם אַזוי זיך אַ הולע געטאָן, און פֿון זיין קוואַשענע אין טשאָלנט האָט זיך געטראָגן דער ריח ביז אויף דער צענטער גאַס. אַ רייכער בן־יחיד אין ווילנע האָט זיך אַמאָליקע יאָרן גלייך פֿון טעאַטער געקאָנט אַריינ־כאַפּן אין אַ רעסטאָראַן, אַריינסודען דעם בעל־הבית אויפֿן אויער: „גיט עפּעס אַ רעכטע שטיקל לונגען!“ ביי אַ ווילנער „לעבע־יונג“ האָט איר אַמאָל געקאָנט פּועלן, ער זאָל אָנשיטן אַלע זיינע קעשענעס מיט סעמעטשקעס און זאָל קנאַקן און שפּייען אַ גאַנצן מעת־לעת נאָכ־אַנאַנד—סתּם גענאַשט! ס׳איז אַפילו רעכט געווען, אַז אַ גאַנץ גע־וויינלעכער ווילנער בוכהאַלטער—ניט היינט, פֿאַרשטייט זיך, נאָר אַמאָל, ווען מ׳האָט געשמאַק פֿאַרדינט—איז רעכט געווען, אַז נאָך דער אַרבעט כאַפּט ער זיך אַריין אין אַ קראָם און מאַכט דאָרטן אַ רושם... אַזאַ יונגערמאַן האָט געקויפט מיט איין קלאַפּ צוויי „איריסן“, גענומען אונטערן האַנט דריי פּריילנס און—אַי, האָט מען דאָס גענאַשט אין וואַלד! היינט אַ פּריקאַזטשיק, אַ גאַנץ פּשוטער פּריקאַזטשיק פֿלעגט זיך שבת בייטאָג אַוועקזעצן אין סעלטערסקע, און אויסגעטרונקען איין גלאָז און באַצאָלט נאָך אַ גלאָז און באַ־צאָלט—ס׳איז רעכט געווען אויסצוטרינקען מיט חבֿרה דריי גלע־זער קוואַס! היינט וויפֿל רעטשישניקעס פֿלעגן דאָס ווילנער בעלי־עגלהס איינשלינגען פֿאַר אַ טאָג! און וואו וואו איז בורטשאַק? און וואו זיינען די פֿלעשער וויין אין דער געשטאַלט פֿון צעפּראָרענע עפּיל?

ווילנע האָט אַמאָל קיין תעניתים ניט געפֿאַסט, און — אַ וועלט שלאָפֿט ניט: מ׳דערוואוסט זיך!

אַ זולל־וסובא איז אַוודאי ניט קיין גרויסער יחוס, אָבער אַ שוטה... נאָך גוט, הערט איר, וואָס מיר זיצן דאָ אין געהאַקטע... בפירוש, ס׳איז נאָך גוט, וואָס מען זיצט דאָ אויף אַ אָרט, וואָס מען זעט ניט אָן קיין פרעמדע מענטשן אין די אויגן, וואָס מען באַווייזט זיך ניט אויף ניט אויף דער ווייסער וועלט, וואָס מ׳באַגעגנט דאָ אַלץ די זעלביקע באַקאַנטע אויסגעצויגענע נעזער: פאַר זיך אַליין איז דאָך ניטאָ וואָס צו שעמען זיך — אַלע גלייכע פּיקחים. און אַז איך גיי אַרויס אין דער פרי אין גאַס — שטעלט מיר באַלד אָפּ אַ באַקאַנטער:

— דו האָסט געהערט?

— איך בין דען קיין ניט קיין ווילנער וואָס? געוויס האָב איך געהערט, אַז ס׳גייען אַהער זיבן־און־זיבעציק שיפן — צוואַנציק זייַנען אָנגעלאָדן מיט קליין־געלט פאַר אָרימע־לייט, פינף־און־צוואַנציק — מיט אַסיגנאַציעס פאַר געפאַלענע בעלי־בתּים, צען מיט אימפּעריאַלן פאַר נכבדים און...

— נו, און די איבעריקע?

אַליין האָב איך דאָס אַפילו ניט געזען, אָבער וואָס איז די נפקא־מינה, אַבי מען זאָגט:

— גאַנצע פערציק שיפן פירן ציגענע מילך פאַר ווילנע — אפשר גאָר איין־און־פערציק, און אפשר נאָך פרישע געבעקס אויך.

און אַז מען זאָגט איז שלעכט — ווילנע זאָגט נאָך וואָרט און וואָרט:

— ציגענע מילך...

אַביסל ווייטער האַלט מיך אָפּ מייַנער אַ קרוב:

— מ׳זאָגט, אַז מען נעמט... אין סאָלדאַטן נעמט מען.

און אויף מייַנעם אַ קרוב קאָן מען זיך פאַרלאָזן. אַ סימן האָט איר: גאַנץ ווילנע מאַכט מיט די ליפּן:

— מ׳זאָגט, אַז...

נאָך ווייטער כאַפּט זיך צו צו מיר מייַנער אַ שכן:

— מ׳זאָגט, אַז מ׳גיט... זאַלץ גיט מען.

מיינער אַ שכן איז אויך ניט אַבי-ווער: אַ ראיה האָט איר — די גאַנצע שטאָט האַלט אין איין חזרן:

— מ׳זאָגט...

אויף אַ צווייטער גאַס לויפט מיר אַנטקעגן אַ פאַרסאָפּעטער — מיינער אַ מחותן איז ער פון דער ווייבס צד:

— איר האָט געהערט?

— וועגן די שיפן?

— ניין!

— מ׳נעמט?

— ניין!

— מ׳גיט?

— ניין!

— האָט איר דאָס נאָך גאָר ניט געהערט?

— ניין, ניט געהערט.

מיין מחותן רופט מיך אָפּ אָן אַ זייט און סודעט מיר אַריין אין אויער:

— אויף דער לבנה!...

— אַ פּגימה אויף דער לבנה?

— ניין. מ׳וועט לאָזן פאָרן, פריי פאָרן אויף דער לבנה!...

און אַז מיין מחותן זאָגט, איז געזאָגט, און גאַנץ ווילנע שטעלט זיך אַוועק אין אָטשערעד.

אויף דער דריטער גאַס זאָגט מיר אָן מיינע אַ מומע אַ שמחה:

— ס׳קומט מיר מזל-טוב: מיין בערעלע האָט חתונה געהאַט.

— ס׳טייטש, ער גייט דאָך נאָך אין חדר!

— אַוודאי גייט ער נאָך אין חדר, אָבער מ׳זאָגט...

— אַז וואָס?

— אַז חתונה-געהאַטע נעמט מען ניט...

א גלגול.

איר פרעגט:

— פון וואַנען לעבט אַ שטעטל?

אוודאַי איז דאָס אַ שאלה און דווקא אַ האַרבע שאלה, און ווען איר שטעלט מיך אָפּ, למשל, מיט איין וואָך פריער, ניט מער ווי מיט איין וואָך פריער—ווייס איך בפירוש ניט, וואָס איך צו ענטפערן! און אין דער אמתן איז דאָס דען טאַקע ניט פּלאַ־דיק? אַ שטעטל יידן—מיט ווייבער און מיט קינדער, מיט זקנים און מיט חולאים, מיט שיטערע בערדלעך און מיט ליידיקע פינף־פינגער, און גאַרנישט—מ׳לעבט! פון וואַנען? פון וואָס? דוכט זיך, דער הימל אַראָפּגעלאָזן זיך—אין יוצא ואין בא, ניט אַהער און ניט אַהין; ניטאָ קיין סוחר, ניטאָ קיין קונה; ניט קיין פּריץ, ניט שליאַכטעץ, ניט קיין גוי, ניט קיין גויע—חושך ואפילה, און גאָר־נישט: יידן לעבן און טאַקע גאָר נשקשה, בפירוש נשקשה! מיט וואָס פאַר אַ נסים? כ׳זאָג דאָך אייך, סך־הכל מיט איין וואָך פריער,—און איך—איך אַליין בין אַרומגעגאַנגען און געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געקוקט אַלעמען אין די אויגן און בין גע־ווען מלא וואונדער: רבונו־של־עולם, פון וואַנען?

מילא איך... איך לעב דאָך אויך און איך עס אַליין און שפּייז אַ ווייב מיט קינדער מיט אַן אַלטן טאַטן, מיט אַ זקנה אַ שוויגער, און אַלע האָבן אַפּעטיט—ווי אויף צו להכעיס ווילן אַלע עסן, און דווקא דריי מאָל אַ טאָג, און גאָט צו דאַנקען: מ׳איז נאָך ביי מיר אָן ברויט ניט געזעסן, און צום ברויט איז עפּעס אויך אַמאָל פאַראַן. איז מילאָ איך... איך בין דאָך ניט מחויב צו שטעלן זיך אויף דער בימה און אויסשרייען פאַר דער גאַנצער וועלט:

— רבותי, ס׳האָט מיר געטראָפן אַ גליק! רבותי, כ׳האָב געכאַפּט אַ מציאה! ס׳האָט מיט מיר געשען אַ נס!

— ערשטנס, דערציילט מיר יענער אויך ניט פון זיינע גליקן. פאַרקערט, אַז דער אויבערשטער העלפט עמיצן און ער ווערט אַ ביסל נתעלה—נעמט אים תיכּף אָפּ דער לשון און איר הערט פון אים אַ פאַרע ניט. צווייטנס—איר שפּילט זיך עפּעס מיט דעם הייגטיקן יקרות און מיט די איצטיקע בעדערפעני׳שן און מיט דעם היינטיקן אַפּעטיט? און אַז איך בין טויזנט מאָל אַ רך־לבֿ? און אַז איך בין טויזנט מאָל א בעל־צדקה? וואָס העלפט דאָס, אַז מען דאַרף אַליין אַ סך!

האָב איך טאַקע געשוויגן און געטראַכט ביי זיך און גע־וואונדערט זיך: מילא איך... וואָרום מיט מיר, דאַרפט איר וויסן, האָט טאַקע געטראָפן אַ נס—ממש אַ נס מן השמים! איר לאַכט? איך בין נאָך אפשר אַזאַ אויפגעקלערטער, ווי איר; אָבער כ׳פרעג אייך אדרבה: אַז מען בלייבט אָן עין־הרע מיט אַ געזינטל אין אַ חרוב־געוואָרענע שטעטל, און אַ צושאָסענע שטיבל, און מיין קראָם... זאָל דאָס ווערן פון אונזערע שונאים, וואָס ס׳איז געוואָרן פון מיין געשעפט: באַקעטע פּאָליצעס—מער איז גאָרנישט ניט געבליבן! און מ׳זיצט אין געהאַקטע וואונדן אַ טאָג און צוויי און דריי, און מ׳זעט ניט אַ נפש און ס׳איז קאַלט און ס׳איז נאַס און ס׳איז חושך, און, מיאוס צו זאָגן: עסן ווילט זיך דווקא!... איז דאָך גוט, האַ? אָבער—כ׳בין גאָר ניט מחוייב אייך אײַנצורײדן איר זאָלט ניט אַנדערש גלויבן אין ניסים! רופט דאָס ווי איר ווילט, אַבי... אַז ס׳איז פאָרט פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט!

איך זיץ מיר אַזוי—חנוכה־צייט איז דאָס נאָך געוועזן—זיץ איך מיר אַזוי אין מיין קראָם, צי די באָרד און רייב די הענט און קוק אַלץ אויף די ליידיקע פּאָליצעס—איר ווייסט גיט, וואָס איך קען דאָרטן דערזען? אַ פּאָר טוץ רויטע פּאַטשיילקעס פאַר דאָרפישע פויערטעס, אַ שטיקל רעשטע ווייסצייג אויף תכריכים און, טאַקע אַ חידוש־מעשה—ווי אַזוי האָט מען מיר דאָס געלאָזן אַ גאַנצע שטיקל סחורה? אַז ס׳פּאַסט זיך עפּעס גאָר ניט אויף די ליידיקע פּאָליצעס: אַ גאַנצע שטיק סחורה אויף קאָרטענע הויזן!

זיץ איך מיר אַזוי און קוק אַהער און קוק אַהין און שאַץ די רויטע פּאַטשיילקעס און חשבון, וויפיל ס'איז ווערט די רעשטע תכריכים און... ס'לאָזט זיך אַריין אַ בעל-הביתל, אַ בעקאַנטער יונגערמאַן, אַ שטעטלשער איידעם, און ער גיט מיר שלום-עליכם און פרעגט וואָס מאַכט מען און... כ'מיין, וואָס זאָל מען מאַכן?

— האָט איר עפּעס סחורה? פרעגט ער ביי מיר און קוקט אויף די פּאָליצעס: כ'האָב געדאַרפט האָבן...

— אַ רעשטע תכריכים זאָג איך: גאָר מיינע סחורה, איר זעט דאָך!

דער יונגערמאַן אָבער — קאָנטיג ניט קיין פוילער, און... אַ קיצור — ער האָט דערזען די שטיקל קאָרטענע הויזן, און לאָזט זיך אויס, אַז ער דאַרף דאָס טאַקע האָבן! וויפיל ווילט איר, וויפיל גיט איר, אַהער אַהין — איך זע, אַז פאַר מיין שטיקל סחורה קען איך נעמען אַ מקח און דווקא אַ גוטן מקח און דווקא מיט מזומן, און איך בין געוואָרן פריילעכער און דער יונגערמאַן לעבעדיקער און — ער איז אַוועק מיט די קאָרטענע הויזן און איך... כ'האָב געציילט די מטבע און געציילט — אַז ס'גלויבט זיך פאָרט ניט! פאַר איין שטיקל סחורה אַזאַ קופּע געלט! איר הערט דאָך: ווינטער צייט און געזעסן אָן פדיון און ביי אַזאַ יקרות און ביי אַזאַ אַפּעטיט, און — ניט צו פאַרדינען: איך בין זאַט געווען און מיין ווייב און מיינע קינדער און מיין טאַטע און מיין שוויגער און... איצט האָב איך דאָך שוין ניט וואָס מורא צו האָבן: איך בין נאָך עד היום ביי אַ ביסל געלט! דאָס הייסט, איך בין ניט קיין גרויסער נגיד — ווייט דערפון, אָבער, אַז מען לעבט דורך אַזאַ שווערן ווינטער און מ'דאַרף ניט אָנקומען צו לייטן און אין קעשענע... ניט קיין סך, אָבער עפּעס איז מיר נאָך פונדעסטוועגן געבליבן...

איז מילא איך... אַ נס, איז דאָך ניט שייך! אָבער אַ שטעטל יידן אָן עין-הרע און אַלעמעס הייזער האָט מען צושאָסן און אַלעמעס קראָמען האָט מען חרוב געמאַכט און... גאָרנישט — מ'עסט פונדעסטוועגן און מ'טרינקט און מ'שלאָפט און מ'טראָגט אַ בגד און... מ'קען דאָך צו יענעם אין קעשענע ניט אַריינקריכן, אָבער אַז יענער לאַכט און יענער וויצלט זיך און דער פנים איז נשקשה —

מסתּמא מוז ער ערגעץ האָבן פאַרקוועטשט עטלעכע רובל... אָבער רבונו=של=עולם, פון וואַנען? פון וואָס? אַזאַ חורבן געווען, און דער יקרות איז גרויס און דער אַפּעטיט נאָך גרעסער, און אין שטעטל זעט מען אַ לעבעדיקן נפש ניט, און...

וואָס טוט זיך דאָ? אַלע עסן, אַלע לעבן און... אַ פּלאַדיקע זאַך: אַנדערע זיינען נאָך פריילעכער פון מיר און עסן בעסער ווי איך און פון וואַנען, פון וואָס? אַפילו דער יונגערמאַנטשיק—דוכט זיך אַזוי אָפּגענאַרט אים, און גאָר ווי ניט אים מיינט מען דאָס! אויך פריילעך, לעבעדיק—עפּעס טאַקע גאָר אַזוי ווי ניט איך אים, נאָר ער מיר וואָלט גאָר אָנגעפּייפט...

האָב איך זיך געוואונדערט און געקוועטשט מיט די פּליי=צעס: מילא איך... לאָזט זיך אָבער אויס... פאַרשטיין פאַרשטיי איך דאָס נאָך עד=היום ניט... אַז ס'איז טאַקע פּשוט משוגע צו ווערן! איין שטיקל סחורה, פּופּציק אַרשין קאָרטענע הויזן... וואָס איז אָבער די נפקא=מינה, אַבי ס'האָט זיך געשפּייזט דערפון אַ שטעטל יידן מיט ווייבער און מיט קינדער, מיט טאַטעס און מיט מאַמעס און מיט שוויגערס... איר גלויבט ניט? איך גלויב אויך ניט! אָבער איר הערט דאָך: ס'קומט אַריין צו מיר יענע וואָך אַ יונגער=מאַנטשיק—ניט יענער, ניט מיין קונה, נאָר אַן אַנדערער—פאַראַן ביי אונז אין שטעטל אַ סך יונגע לייטלעך, און ער גיט מיר שלום=עליכם און זאָגט מיר גוט=מאָרגן און איז מיר מכבד מיט אַ פּאַפּיראָס און רופט מיר אָפּ אָן אַ זייט און הויבט אָן מיט מיר צו ריידן אַזוי שטיל, אַז כ'האָב אַ וואָרט ניט געהערט, און גיט מיר נאָך אַ פּאַפּיראָס און רוימט מיר איין אין אויער:

— אַ שטיקל סחורה, פּופּציק אַרשין קאָרטענע הויזן האָב איך, אָבער סחורה, גאָלד מיט זילבער... זייט איר אַ סוחר?

כ'מיין, יאָ קויפן, ניט קויפן, אַ קוק טאָן אָבער מאָג איך דאָך: צו קאָרטענע הויזן האָב איך דאָך עפּעס אַמאָל ניט צוגע=לייגט... גיי איך אַוועק מיטן יונגמאַן צו אים, און ער פירט מיר אַריין אין אַ באַזונדער חדר און... כ'בין דאָך עפּעס ניט קיין קליינער יינגעלע און ניט קיין שרעקעדיקער און... בפירוש, אַז איך בין נאָך איין האָר געפאַלן אין חלשות! ווי געפעלט אייך

עפּעס אַ מסחר? קאָרטענע הויזן, זאָגט ער, האָט ער—ס׳איז דאָך מיין פּעקל סחורה! ס׳האָט זיך אַמאָל ביי מיר אָפּגעוואַלגערט יאָרן־לאַנג—וועל איך ניט דערקאָנען מיינע סחורה?

מילא דעם מקח, וואָס ער האָט ביי מיר געבעטן... ניט איך האָב דאָס אייגנס, ניט איר, ניט מיר ביידע—גילדערנע הויזן איז אַוודאַי וועלוועלער... אָבער ווי געפעלט אייך אַ מעשה: איין שטיקל סחורה און... אַ שטעטל יידן, אַ גאַנצע שטעטל איז פון דעם גליקלעך געוואָרן און מ׳האָט געגעסן און געטרונקען און... בפירוש אַז כמעט אַלע שטעטלשע יידן האָבן נאָך צו ביסלעך געלט אויך, וואָרים מ׳קאָן ניט דערקאָנען מיינט איר אויפן פּנים?

פאַרשטיי איך ניט: מילא איך, איז דאָס געוועזן מיינע סחורה! איך האָב פאַרקויפט, איך האָב גענומען אַ גוטן מקח, איך האָב אָפּגענאַרט אַ מענטשן, איך... נאַרישקייט—ס׳איז דאָך מיינע סחורה געוועזן! אָבער אַ שטעטל יידן... איך זאָג דאָך אייך: קיין אַנדערע געשעפטן האָבן זיי ניט געהאַט—אַז מ׳זעט ביי אונז קיין לעבעדיקן נפש ניט! און אַלע האָבן געגעסן, אַלע האָבן געטרונקען, און... פון וואַנען? פון וואָס? אַז די סחורה איז אײַנגאַנצן!

איר פאַרשטייט עפּעס? ניט אַנדערש, אַז... רופט דאָס ווי איר ווילט, נאָר מיר דוכט זיך, אַז דאָ שטעקט—אַ גלגול...

טשאָלנט.

— גוט שבת — גוט יאָר! כ'מיין, וואָס האָט דאָס איינס צו דאָס אַנדערע? איז יע פאַראַן חלה, איז ניטאָ קיין חלה — שבת בלייבט שבת, און זיין אומעטיק און אַריינפאַלן אין עצבות און ניט זינגען קיין זמירות און אַראָפּלאָזן דעם נאָז — פע, חלשות! איין מאָל דער זיבעטער טאָג, יום השביעי — איז פאַרפאַלן: ס'איז שבת! אַי וואָס ביים טיש איז ניטאָ קיין וויין און קיין פיש און קיין צימעס און קיין... דעריבער איז וואָס? האָט דער אויבערשטער אין דעם טאָג ניט גערוט, וואָס? אַ פראָסטער שכל: אַז ס'איז פאַראַן אַ זונטאָג — מוז זיין אַ שבת, און וויבאַלד שבת — מוז מען טאַקע אָנטאָן אַ ריינערן בגד, און מ'דאַרף בענטשן ליכט, און מ'דאַרף זינגען זמירות, ווי־זשע־דען?!

ס'איז ניט גוט? זאָגט איר. אַ שיינע מעשה! וואָרום ווער זאָגט דען, אַז ס'איז יע גוט? רעדט זיך אָקאָרשט אויף מיט מיין ווייב — וועט זי אייך שוין מאַכן אַ חשבון, אַז ס'איז כאָטש נעם און לייג זיך און צי זיך אויס, און זאָג אָפּ ווידוי, און פאַרמאַך די אויגן, און פאָר אויפין עולם־האמת! איין טענה: ס'איז איר פאַרשטערט! דער שבת איז פאַרשטערט, דער יום־טוב איז פאַרשטערט, די טעג זיינען פאַרשטערט, די נעכט זיינען פאַרשטערט, אַ קיצור: אַ פאַרשטערטע וועלט, און וואָס זי זאָל ניט אָנהויבן טאָן און צו וואָס זי זאָל זיך ניט צורירן — זאָגט זי דערביי איר שטענדיקן פּיזמון:

— פאַרשטערט זאָל ווערן אונזערע שונאים זייער...

קיין גרויסער חידוש איז דאָס אַפילו ניט, און מ'קאָן מיין

ווייב שטאַרק ניט פאַרדענקען, וואָרום איר ווייסט, ווי מ׳האָט ביי מיר אַמאָל געלעבט? אין מיטן וואָך האָט מען ביי מיר אַויך קיינמאָל קיין תעניתים ניט געפאַסט, און פון עולם־הזה האָט מיין געזינטל געהעלטן אפילו אין אַ פּראָסטן מאָנטאָג. אָבער אַז ס׳איז געקומען שבת — איר מיינט, אַז איך בין דאָכ דער גרויסער חסיד און מיין ווייב — די גרויסע צדיקות? ס׳הויבט זיך ניט אָן! כ׳האָב פיינט זיך צו בלאָזן און צו דביקה׳ן זיך, און אַז איך עס דעם גוטן שטיקל פיש צי דעם גוטן שטיקל פלייש — אוודאי מאַך איך אַ ברכה און אַוודאי לויב איך גאָט; נאָר זאָגן, אַז איך בין דאָס טאַקע אויסן געוועזן נאָר די מצווה... כ׳מיין, וואו נעמט מען דאָס היינטיקע צייטן אַזעלכע יידן? נאָר, ווי די מעשה זאָל ניט זיין — שבת האָט איר געפונען ביי מיר פון כל־טוב! וואָס איז ביי מיר געוועזן? אַקוראַט געדיינק איך שוין ניט — שוין אַ קיימאָ־לן פון שיינע עטלעכע חדשים, אַז כ׳האָב דאָס אין די אויגן ניט געזעען.. נאָר אַלץ, וואָס איצט פעלט ביי מיר — האָט איר דאָס אַמאָל ביי מיר שבת געפונען אויפ׳ן טיש. גענוג, האַ?..

פאַרשטייט איר דאָך שוין, אַז איך קום שבת פון שול... בפירוש, אַז איך בין גאָרניט אַזאַ גרויסער זולל־וסובא: כ׳האָב טאַקי ניט פיינט אַ גוטע שטיקל העכט, אָדער שלייען, אָדער קאַרפּ, וואָרום ווער האָט דאָס יע פיינט? נאָר זאָגן, אַז דווקאָ, אַז איך קאָן אָן דעם ניט אויסקומען, אַז ס׳גייט מיר אום לעבן, אַז איך בין אויס מענטש — דאָס ניט! אַז ס׳איז דאָ איז גוט, און אַז ניט... ס׳טויג טאַקי ניט, אָבער זאָגן אַז ס,איז אַזוי געפערלעך — חס־ושלום! נאָר אַז איך קום פון שול... ס׳איז עפּעס ניט דאָס: ס׳פעלט דער אַמאָליקער פריילעכער „גוט־שבת!” ס׳איז ניט דער אַמאָליקע, געהויבענע, „שלום־עליכם”, און „אשת־חיל” — ניט אַזוי לייכט צו זיין איצט אַ „אשת־חיל”: אפילו מיין ווייב איז שוין אויך ניט קיין בריה... וואָס דאַרפט איר מער: אין שול גופא — מ׳דאַוונט דאָך, ווי־זשע־דען — יידן וועלן ניט דאַוונען וואָס? ס׳איז אָבער ניט דער „לכו־נרננה” וואָס אַמאָל! דערזעלביקער סידור, דיזעלביקע ווערטער, און פאָרט ניט דאָס! אַ מאָל אַ פרייטאָג צו נאַכט פלעגט יעדער ייד אונטערברומען, אונטערזינגען, פּראַוועןֿ

ביסלעכווייז חזנות, וואָרום מ׳האָט מ׳אַקע געוואוסט, אַז אין דער־היים וועט מען עפּעס באַקומען פאַר דער טירחה... היינט אבער,—כ׳מיין, ס׳איז געגוג, אַז מ׳זאָגט — זאָל מען נאָך זינגען אויך?!

— „גוט־שבת״ — זאָג איך צו דער ווייב, און בשעת מעשה סטאַרע איך זיך, ס׳זאָל ביי מיר אַרויסקומען — ווי אַמאָל — האָפּערדיק, פריילעך, תקיפ׳דיק: גוט־שבת!

אָבער קומט עפּעס וואָס אַרויס, מיינט איר? די ווייב גע־דענקט נאָך מיין אַמאָליקע שטימע און מיין אַמאָליקע ברייטקייט: ס׳איז דאָס און פאָרט ניט דאָס! טוט זי אַ זיפץ און אַ קרעכץ און קומט אַרויף אויף איר באַקאַנטן פּיזמון:

— פאַרשטערט זאָל ווערן אונזערע שונאים זייער...

מילא בעסערע געריכטן, ערגערע געריכטן — כ׳וועל דאָך דעם שבת ניט פאַרשטערן! און... ס׳ציט טאַקע אין הארצן אויך — וואַש איך זיך און מאַך קידוש — דער קידוש איז דערזעלביקער, וואָס אַמאָל, און... אַוודאַי וואָלט איך געגעסן אַ רעכטע שטיקל פיש, און כ׳וואָלט טאַקע אפשר גענומען אַ ביסל משקה אויך: צו פיש פּאַסט זיך אַ ביסל בראַנפן... אָבער איז וואָס? וועל איך, מיינט איר, שרייען, צי כעסן, צי חלילה שילטן עמיצן? איז ניט קיין פיש! קיין לאָקשן איז אויך ניטאָ? מילא! איך בין דאָך ניט קיין יידענע און וועל דאָך ניט שטעלן זיך מאַכן אַ הספד אויף די אַמאָ־ליקע העכט און שלייען און קאַרפּן! און נאָך וועגן — שבת? און אַז ס׳וואָלט גאָר לכתחילה קיין העכט ניט בעשאַפן געוואָרן — וואָלט דאָך מכתמאָ אויך רעכט געווען, האַ? איז זאָל דוכטן...

מיין ווייב אָבער איז אַ אַנדער מענטש. קיינמאָל זשאַלעוועט זי ניט קיין קללה! דערזעט זי אויפן טיש די טעלער פון די פיש, שענקט זי תיכף אַ קללה, דערזעט זי די טעלעך פון די פלייש — אַ נייע קללה, די טעלער פון די לאָקשן... קיין קללות פעלט איר ניט ברוך־השם, און אַז ס׳קומט צו די טעלער פון די קאָמפּאָט, מוז זי שוין איבערחזרן דער גאַנצן פּיזמון — איר ווייסט דאָך שוין וועמען זי בענטשט! אַוודאַי מוכר איך זי: ערשטנס, איז שילטן בכלל ניט קיין שיינע מידה, צווייטנס איז דאָך עפּעס שבת אויף דער וועלט, און דריטנס... אַז ס׳וואָלט כאָטש געהאָלפן! אַז

ס'וואָלט כאָטש אָנגעקומען!... פּיש, פליייש, לאָקשן, קאָמפּאָט — אַ ענין איז דאָס, אָבער זאָגן, אַז ס'איז ווער וויים־וואָס, אַז מ'קאָן אָן דעם ניט אויסקומען, אַז ס'איז סכנות־נפשות — דאָס ניט!

זעט איר — פאַרן טשאָלנט, זעט איר, בין איך שוין אין כעס! „ס'איז גאָר ניט אַזאַ גרויסער מאכל!" זאָגט איר? איך בין נאָך אפשר אַזאַ איידל־כּוּן, און אַזאַ אַריסטאָקראַט, און אַזאַ אינ־טעליגענט, און אַזאַ געבילדעטער, ווי איר, און איך האָב שוין אַמאָל געגעסן אַפילו אין רעסטאָראַנען אויך, אָבער וואָס האָט דאָס איינס צו דאָס אַנדערע? אַ גוטער טשאָלנט איז פאָרט גוט — וואָס איז דאָ די שעמעריי? איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: ביי מיר איז נאָך ניט אַזוי דער עצם ע ס ן דעם טשאָלנט גופא, ווי דער ש ל אָ פ ן נאָכן טשאָלנט... אויף באמנות! אַז איך לייקן זיך גאָרניט, אַז כ'האָב גאָר קיין מורא ניט אויסצוזאָגן, אַז ס'איז ביי מיר קיין בזיון ניט! כ'גיי אויס נאָך טשאָלנט! וואָרום — כ'ווייס ניט ווי איר — איך אָבער האָב שוין ניט געשלאָפן, ווי ס'דאַרף צו זיין — כ'געדענק שוין די צייט ניט! צייט איז אַפילו פאַראַן גענוג און ס'ווערן געשוואָלן די זייטן ליגענדיק, אָבער שלאָפן? מ'ליגט אויפן בעט אין געהאַקטע וואונדן און מ'דרייט זיך אַהער מ'דרייט זיך אַהין... ס'איז גוט צו זאָגן: „שלאָף", אַז ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן צו וועלן! נאַרישקייט — נאָך ש ט ש אַ וו י ע דרעמלט זיך פאָרט בישט! כ'מיין — ס'איז ניט קיין אומגליק: אַזאַ דאגה וואָלט געווען מיטן עסן, ס'אַראַ דאַגה ס'איז מיטן שלאָפן... אָבער, אַז ס'קומט צו רייד — רעדט זיך! און אַ טשאָלנט... נאָך ביים טיש זיצנדיק פלעגן זיך מיר שוין אַמאָל פאַרמאַכן די אויגן נאָכן טשאָלנט, און אַז איך פלעג אַריינפאַלן אין בעט... איר מאָגט זיך לאַכן, אָבער אַז איך האָב פאָרט הנאה געהאַט פון אַזאַ שלאָף! אַי איז איז דאָס געווען אַ דרעמל!

טענה איך צו מיין ווייב: אַז ס'איז ניטאָ דאָס און אַז ס'איז ניטאָ יענץ — שטעל כאָטש טשאָלנט! כאָטש שלאָפן ווי אַ מענטש!... אָבער זי ענטפערט, מיינט איר? שטעלט אויס אויף מיר אַ פּאָר אויגן און שאָקלט צו מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: מער ווי שלאָפן גייט אים ניט אָפּ... און טאָמער האָב איך פאַרצכטאָגן מיט איר

שעהן לאַנג אַריינגעטענעט, נערעדט, געטאָלקעוועט, געבעטן זיך רחמים און געפּועלט ביי איר, און זי האָט טאַקע געשטעלט ביים בעקער טשאָלנט—איז... איין קליינינקייט: מ׳האָט דאָך צוגעגנבעט, פּשוט צוגעגנבעט דעם טשאָלנט! דאָס הייסט גאָר אָן אַ טשאָלנט האָט מען מיר ניט געלאָזן, אָבער אָנשטאָט מיין אייגענעם טשאָלנט האָט מען מיר געלאָזן עפּעס אַ טעפּל, אָבער... טאַקע מער ניט ווי אַ טעפּל, ווי איר זעט מיך אַ יידן!

— וואָס פאַרבייט מען זיך עפּעס איצט אַזוי מיט די טעפּלעך? פרעג איך דער ווייב: וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ נייסן געוואָרן?

— אַ פּראָסטער שכל, זאָגט זי: אַמאָל האָט יעדערער געמיינט, אַז זיין טשאָלנט איז דער בעסטער: עפּעס האָט מען דאָך פּאַרט אַריינגעלייגט אין טעפּל אַריין... און היינט איז פּונקט פאַרקערט: רק מ׳מיינט, אַז יענעמס... אפשר איז דאָרטן עפּעס דאָ?...

אַ וואַנט=זייגער.

(דערציילט פון אַ קאָוונער).

ווען האָט מען אונז אָנגעזאָגט? עפּיס רעדט איר גאָר ווי אַ קינד, האָט קיין פּאַראיבל ניט. וואָרום איר מיינט טאַקי, אין דער אמתן, אַז מ׳האָט זיך מיט די קאָוונער יידן וועגן דעם שטאַרק מישב געווען? איר מיינט, אַז מ׳האָט זיך דאָרט מיט אונז פריער אַן עצה געהאַלטן און אַז ס׳איז געבליבן בהסכם כולם? ניט מ׳האָט געקלערט וועגן אונז, ניט מהאָט געטראַכט... דאָס הייסט — געטראַכט האָט מען שוין וועגן אונז דוקא יאָ און — דוכט זיך, אַ טאָג פון מיטוואָך איז דאָס געווען — איך גיי מיר אַזוי מיט׳ן טלית=זאַק אונטערן אָרעם פון מיין קלויז און טראַכט... איר ווייסט ניט וועגן וואָס אַ ייד טראַכט אויפן פרי=מאָרגן? דאָ דאַרף איך צאָלן, דאָ דאַרף מען מיר צאָלן, דאָ דאַרף איך באָרגן, דאָ דאַרף מען ביי מיר באָרגן — כ׳בין שוין אַ קרעמער אין קאָוונע אַוודי דרייסיג יאָר, און קאָפּ=דרייעניש מיט חשבונות, מיט חובות, מיט וועקסלען האָט געקלעקט פאַר מיר און פאַר מיין ווייב און פאַר מיינע קינדער: אַלע האָבן מיר געאַרבעט און געשמייעט און געלאָפן און גע׳חשבונ׳ט און... גאָט צו דאַנקען — מ׳איז געזעסן אין די אייגענע פיר ווינקעלעך, ס׳איז געווען אַ בגד אָנצוטאָן און קיין טעכטער זיינען ביי מיר אויך ניט פאַרזעסן געוואָרן. גיי איך מיר אַזוי פאַוואָלינקע אַ פאַרטראַכטער און פלוצלונג — אַזוי ווי פון דער ערד איז ער אויסגעוואַקסן אַנטקעגן מיר מיט זיין גרויסן גוף, מיט זיין רויטן פנים און מיט זיין באַקאַנטן שמייכעלע — כ׳קאָן ניט אונזער אָקאָלאָדאָטשנעם, וואָס? נעם איך אַראָפּ פאַר

אים די היטל און טו זיך גויג פאַר אים און נעם זיך באַלד צום טייסטער — אַ נאָווינע דאָס איז מיר אָנצוגעגענען דעם אָקאָלאָ־דאָטשנעם!.. זאָג איך אים דעם ברייטן רוסישן גוט־מאָרגן און מיין האַנט מיט דער מטבע ליגט שוין טיף אין זיין גרויסן יד און... עפּיס האַלט ער מיר היינט אַזוי לאַנג די האַנט און ער דריקט מיר אַזוי פריינדליך און ער שמייכלט מיר אַלץ אונטער.. שטיי איך און קוק אויף אים און קוק אויף מיין האַנט און וויס ניט, צי איז דאָס אַ גוטער סימן, צי איז דאָס אַ שלעכטער סימן — כ׳וויס דען וואָס „קאַזנאַ" טראַכט וועגן מיר? אָבער, אַז ער שטייט — שטיי איך אויך — אַ ברירה, האָב איך? און דער אָקאָלאָ־דאָטשנער שמייכלט אַלץ און דריקט מיר די האַנט און קוקט אויף מיר עפּיס אַזוי ווי אַ הונט, וואָס מען דאַרף באַלד שיסן...

— וואולף — האָט דער אָקאָלאָדאָטשנער ענדלעך אַרויסגע־שטאַמלט: הערסטו, וואולף? דו ביזט אַן אָרענטלעכער „יעווריי" און כ׳האָב אויף דיר רחמנות. אָבער אַ זאַקאָן... פאַרשטייסט? איך אַליין בין אויך גאָרנישט — אפילו דער פּריסטאַוו איז גאָרנישט... פּאַק זיך בעסער אויף באַצייטנס...

האָב איך עפּעס יאָ פאַרשטאַנען און ניט פאַרשטאַנען און אין קאָפּ האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן מישן און די פיס האָבן זיך אָנגעהויבן בויגן און איך לויף און איך פאַרטשעפּע זיך אַלע ווילע און איך פאַרליר אַלע רגע דעם טלית־זאַק פון אונטערן אָרעם און אָט איז שוין מיין גאַס, מיין קראָם, מיין ווייב, מייגע קינדער.. וואָס בין איך אַזוי בלאַס? — פרעגן זיי אַלע און קוקן מיר גלייך אין די אויגן. און איך אַליין וויס דען פאַר וואָס? אַז איך וויל דאָס גאָר פון מיין מויל ניט אַרויסריידן! אַז איך וויל דאָס גאָר אין מייגע געדאַנקען ניט האַלטן! וואָרום איר פאַרשטייט דען, וואָס דאָס הייסט—פּאַקן זיך? וואָס פּאַקן? וואו פּאַקן? איך בין דאָך אין מיין שטאָט, אין מיין קראָם—וואָס הייסט דאָס פּאַקן זיך? און איך אַליין מער ניט? אַן עדה יידן — יונגע און אַלטע, ווייבער און קינדער, קראַנקע און שוואַכע—וואָס הייסט דאָס? אַז ס׳קאָן טאַקע ניט זיין! אַז ס׳לאָזט זיך טאַקע ניט גלויבן! מסתמא האָט ער דאָס געלאַכט, און אפשר... אַז כ׳וויס ניט—אפשר ווייניק

אים אין יד אַרײַנגעשטופּט — כ׳װײס דען? שטײ איך מיר אַזױ אױפֿן גאַניק פֿון מײַן קראָם, די װײַב פֿון אײן זײַט, די קינדער פֿון אַנדער זײַט און מיר קוקן אין גאַס אַרײַן און ײדן לױפֿן, און ײדן האַװן, און ײדן שרײַען, און ײדן לאַכן... נעכטן איז אַזױ געװעזן און אײערנעכטן און פֿאַראַכטאָגן און פֿאַראַיאָרן און פֿאַר צװאַנציק יאָר—װאָס הײסט פּאַקן זיך? בין איך נאָך אַרײַן אין שטוב, האָב זיך געװאַשן עסן און האָב דערצײלט דער װײַב און דערצײלט די קינדער, און די װײַב האָט אױסגעשפּײַט און די קינדער האָבן זיך אױסגעלאַכט און איך... דער אָקאָלאָדאָטשנער מיט זײַן גרױסן גוף שטײט מיר נאָך אַפֿילו אַלץ פֿאַר מײַנע אױגן און די פּיס אונטער מיר זײַנען עפּעס װי אונטערגעהאַקטע, װי פֿרעמדע, װי געדונגענע, אָבער אַז אין גאַס איז פּאָרט אַלץ װי נעכטן און װי פֿאַר צװאַנציק יאָרן: ײדן גײען, ײדן פֿאָרן, ײדן מסחרן, ײדן לאַכן, ײדן... און אין קראָם בײַ מיר פֿעלט טאַבאַק און ס׳פֿעלט מעל און ס׳פֿעלט ליכט און דאָ דאַרף מען אָפּגעבן אַ גמילות־חסד און דאָרט מוז מען צאָלן אַ װעקסל, און אַז אַלע ײדן לױפֿן—לױף איך אױך: אױף דער גאַס און אױף יענער גאַס און בײַם מעל־הענדלער און בײַם טאַבאַק־סוחר, און אַלע זײַנען ײדן און אַלע האַנדלען! און אַלע מסחרן, און װאָס פּאַקן זיך? װער פּאַקן זיך? אַז ס׳איז גאָר אױף דעם קײן צײַט ניטאָ, אַז ס׳איז דאָ אױך גוט, אַז... װער װעט זיך דאָס פּאַקן!

און מ׳האָט זיך טאַקע ניט געפּאַקט אױך — ײדן זײַנען עקשנים...

אָט װי איר זעט מיך אָן מיט מײַן אײנציקן זעקל — דאָס איז גאָר, װאָס כ׳האָב גענומען פֿון מײַן אײגנס! און אין זעקל... איר װײסט װאָס דאָרט ליגט בעהאַלטן? טױט אַ טאָפּ—האָט קײן מורא ניט! װאָס דאַרף איך דעם װאַנט־זײגער אין זעקל?—פֿרעגט איר. אַ שײנע שאַלה—װאָרום עמיצער האָט דען געװאוסט דאַמאָלסט, װאָס ער כאַפּט און װאָס ער פּאַקט און װאָס ס׳איז טײער און װאָס ס׳איז הײליק און װאָס... כ׳האָב זיך געדרײט איבער מײַן שטוב אַהער און אַהין, כ׳האָב זיך געװאָרפֿן פֿון אײן װינקל אין אַנדערן, כ׳האָב געזוכט מיט די אױגן, געטאַפּט מיט די הענט, געשמעקט

מיט דעם נאָז און... דעם וואַנט=זייגער—מער האָב איך גאָרגיט געזען! אַפילו מיין ספר=תורה... מיין ווייב האָט אַפילו אַלץ געבראָכן די הענט און געטענעט און געוויינט און מיר דערמאָנט:

— ווערלוול, די ספר=תורה פאַרגעס ניט!

איך האָב זיך אָבער בעת=מעשה פערעקשנט:

— זאָל זי זיך אַליין ראַטעווען...

אַ שנאַפּס.

לייזערקע, דו הערסט? זאָל איך געהרגעט ווערן אויב כ׳וועל הייניטיקן פּורים ניט מאַכן קיין שנאַפּס! כ׳מאָג אַפילו פאַרזעצן... זאָל איך געהרגעט ווערן אויב איך האָב שוין וואָס צו פאַרזעצן, און אַ שנאַפּס וועל איך פאַרט מאַכן, ווי איך בין אַ מענטש כ׳וועל מאַכן! מיינסט פון פרומקייט? אַז מ׳רופט דיך לייזערקע קלאָץ — מסתמא ביסטו ווערט! אַ נייעם צדיק אין פּעלץ געפונען! דאָס איז מיין ווייבל אַ גרויסע צנועה, אָבער איך — מיטן קאָפּ אין דער ערד ונאמר אמן! זאָל איך געהרגעט ווערן, אויב איך זאָג דיר ליגן — ווייסט, וואָס ביי מיין ווייבל איז רעכט?

אָט קום אַריין צו מיר אויף טשיקאַוועס פרייטאָג צונאַכט — ניט אויף כבוד: די נשמה זאָל איך דיר געבן, וואָס? נאָר אַזוי זיך, קום אַריין אַמאָל — וועסטו זען מיין ווייבל מיט רויטע אויגן און געשוואָלענע באַקן און איז הייזעריג! ווי איך בין אַ מענטש! וואָס ווייניט זי? הערסטו דאָך, זי האָט ניט קיין ליכט צו בענטשן! איך בין אויך ניט קיין שייגעץ, און קיין גוי בין איך אויך ניט, און קיין גלח בין אויך ניט — איך בין אַ ייד! דו הערסט לייזערקע קלאָץ? — אַ ייד בין איך! און אוודאי האָב איך האָלט אַ פּאָר לייכטער אויפן טיש, און אין זיי זאָלן טאַקע שטעקן סטריינאָווע ליכט, און שבת זאָל זיין שבת ווי אַמאָל, ווי ביי מיין טאַטן, ווי ביי מיין זיידן, ווי ביי אַלע יידן — פאַרשטייסט, לייזערקע?

איך רייד ניט פון פרומקייט! זאָל איך געהרגעט ווערן, אויב איך געדענק אַפילו איין פּסוק חומש! איך ווייס! אַז איך בין אַ ייד, און ווייטער איז מיטן קאָפּ אין דער ערד! מיין מאַמע האָט גע-

בענטשט ליכט — זאָל מיין ווייבל אייך בענטשן! אָבער דו הערסט, לייזערקע? אויף וואָס זאָל איך פריער דאַגענען. צי אויף מיין בולאַנעם — דו האָסט דאָך אים אַמאָל אַליין אויסגעפּרובט... אַ פערד איז דאָס געוועזן? אַ לייב, ווי איך בין מענטש! האָסטו אַרויסגעלייגט אויף דער קאַרע פופציג פוד — איז ער געגאַנגען מיט פופציג, און טאָמער פינף־און־זיבעציג — האָט ער אויך געצויגן. זאָל איך גע־הרגעט ווערן, אויב מיין בולאַנער האָט גאָר געוואוסט פון אַ בייטש — אַ קוועטש די קאַרע, און אַ פייף, און הלך, און ניטאָ קיין טענות!

אמת, ער האָט ביי מיר קיין תעניתים ניט געפאַסט: אַ בהמה, וואָס מאַכט ניט קיין מיאוסע העוויות אונטער אַ באַרג און מאַכט קיין שאלות ניט, וויפל זעקלעך ס'ליגן אויף דער קאַרע, דאַרף מיט היי ניט אָפּקומען, און ווי כ'בין אַ מענטש, אַז כ'האָב פון זיין חלק האָבער, קיין קאָמערציע ניט געמאַכט! דאַכט זיך אַ בהמה, און וואָס טויג איך אָן אים? אויף אַ כפרה, ווי איך בין אַ מענטש!

ליכט בענטשן איז טאַקע ליכט בענטשן — אַ גוי בין איך וואָס! אָבער מיטן קאָפּ אין דער ערד — מער ווי דאָס פעלט מיר ניט, וואָס? און חלה? כ'בין ניט קיין ציטעריקער — קאָנסט דאָך מיך, לייזערקע, איך האָב אַמאָליקע יאָרן געשפּייט אויף ווייצנס, וואָרום כ'האָב ניט געקאָנט אַרייַנבייטשן קיין דריי פונטעלעך ראָזובקע מיט צוויי הערינג מיט פיר זויערע אוגערקעס מיט צוויי קיילעכדיקע ריבן? דאָס איז געווען אַזוי זיך, אויף דער קאַרע זיצנדיק, און אַז איך בין געקומען אַהיים — אַ רויך איז געגאַנגען, ווי כ'בין אַ מענטש!

נאָר אַ גוי בין איך, וואָס? ס'קומט דער שבת — מיט מיינע עברי באַרים איך זיך ניט: אַזעלכע למדנים מיטן קאָפּ אין דער ערד! אָבער איז וואָס — דאַרף מען שוין קיין קידוש ניט מאַכן? כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת — כ'בין דאָך אַ פּראָסטער חי־וקים: די קוואַשינע איז ביי מיר טייערער ווי די חלה! מיין ווייבל פלעגט זיך אפילו אַמאָל אַ קרים טאָן אויף מיר: קוואַשינע — דו וועסט זיך נאָך אָנעסן... אָבער וואָס טויגן מיר די קונצן, אַז כ'האָב דאָס האָלט! כ'פלעג זיך אַמאָל אין אַ פּראָסטן מאָנטאָג ניט פוילן ברענ־גען אין שטוב אַריין אַ גאַנג קוואַשינעס און האָב אַ קאָמאַנדעווע

געטאָן: ציפּקע, אָן לשון! ניט דיין דאגה—איך האָב האָלט און אַראָפּ פון מאַרק! ס'זאָל באַלד ווערן אָפּגעבריט און אָפּגעשאָבן און אויסגעקאָכט און טאַקע מיט אַ פולע יוך—כ'האָב האָלט! און וועגן שבת איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן!

לייזערקע, דו ביזט ביי מיר קיינמאָל ניט געוועזן שבת צום טשאָלנט? ניין, זאָגסטו? גראָבע קאָפּ, לייזערקע קלאָץ, וואו ביזטו געוועזן? וואָס האָסטו געחלומט? ווי קומסטו דאָס קיינמאָל ניט אַריין צו מיר נאָך אַ חלק קוואַשינע? שלימזול, אַ בייזער יאָר אויף דיר! דו האָסט זיך מסתמא אַרומגעשלעפּט שבת מיט דיין ליאַלע—וואָלסט גאָר פאַרזאַמט די מציאה שפּעטער נאָכן טשאָלט!

באַרימען דאַרף איך זיך פאַר דיר, לייזערקע קלאָץ? איך זאָג דאָך דיר, אַז די אַמאָליקע שבתדיקע קוואַשינע ליגט מיר נאָך אין מאָגן ביז היינטיקן טאָג, ווי כ'בין אַ מענטש, פאַרשטייסט? כ'פלעג נאָכן טשאָלנט אַ פאַל טאָן אויפן בעט שלאָפן—איז דאָס געוועזן אַ מאכל, ווי איך בין אַ מענטש! כ'פלעג פאַרשלאָפן פּרק, כ'פלעג פאַרשלאָפן מנחה, אפילו דעם שלש-סעודות פלעג איך פאַרשלאָפן! אַז מיר אַרט ניט—זאָלן זיך גבירים לאַכן, אַבי כ'האָב האָלט! כ'זאָג ניט—ליכט בענטשן דאַרף מען, אוודאי דאַרף מען!

אָבער, לייזערקע, אויף וואָס זאָל איך פריער וויינען? זאָג אדרבה—דו ביזט דאָך עפּעס פון אונזערע יאַטעס: צי זאָל איך וויינען אויף מיין בולאַנעם—וואָס טויג איך אָן אים? ניט קיין יאַז-דע, ניט קיין קונד, ניט קיין פאַרשוין, ניט קיין לייב, ניט קיין לעבן—מיטן קאָפּ אין דער ערד! צי זאָל איך וויינען אויף די חלה—און אַז איך בין ניט קיין למדן, דאַרף איך קיין קידוש ניט מאַכן?

כ'וועל דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת: אַ רעכטע „המוציא"— טאַקע אַ גראָבע, אַ קיילעכדיקע—איך קען אָפּשניידן אַ „המוציא"— האָב איך אויך האָלט געהאַלט! ניט אמת, לייזערקע? וואָס שעמסטו זיך, לייזערקע קלאָץ? ס'איז אַ גניבה, וואָס? צי זאָל איך וויינען אויף די קוואַשינע—איין קוואַשינע נאָר איז ביי מיר געוועזן אויף שבת? מיטן קאָפּ אין דער ערד—איך האָב פיינט געהאַט ס'זאָל זיין קנאַפּ! זאָל בעסער בלייבן! און דו, קלאָץ, גלויבסט טאַקע,

אַז ס׳איז ביי מיר געבליבן? כ׳האָב געקאָנט לאָזן אַ שטיקל פיש אויפן טעלער — זאָל זיין אויף שפּעטער, כ׳האָב געקאָנט לאָזן מיין חלק פליישׁ — ס׳וועט פון מיר ניט אַנטלויפן. אָבער קוואַשינע — דאָס, לייזערקע, האָב איך פיינט געהאַט! כ׳האָב אויסגעטאָן די קאַפּאָטע, כ׳האָב אויסגעטאָן די קאַמעזעלקע — אַמאָל אַפילו דעם אַרבע־כנפות אויך, אָבער קיין קוואַשענע לאָז איך ניט, כ׳האָב דאָס האַלט געהאַט?

מילא מיין ציפּקע וויינט... ס׳קומט דער ערב־שבת ווייס איך שוין: זי זעצט זיך אַנידער אויבן־אָן ביים טיש... לייזערקע קלאָץ, זאָלסטו אַזוי האָבן דיינע באַק־ציינער, ווי איך ווייס איצט, וואו ביי מיר איז דער אויבנאָן? וואו איך זאָל זיך ניט זעצן איז — מיטן קאָפּ אין דער ערד, און וואָס טויג מיר דער אויבנאָן? וואָס דאַרף איך איצטער דעם אויבנאָן? אָבער מיין ציפּקע — ווי ניט איר מיינט מען דאָס. זעצט זיך אַנידער און — דעם פּאַרטוך אירן בין איך שוין גאָרניט מקנא!

פאַרשטייסט עפּעס אַ אַרבעט פון אַ יידענע? אַלע וואָך שבת, און זי — אַז ס׳וועט איר גאָרניט מיאוס! כ׳זאָג איר גאָרנישט און איך מאַך מיט איר קיין מחזקות ניט — כ׳רוק נאָר אַראָפּ די היטל און גיי! וואוהין? מיטן קאָפּ אין דער ערד! ס׳איז דאָ וואו צו גיין וואָס? כ׳בין אַליין אייך ניט קיין גוי — אַ ייד בין איך! אָבער, לייזערקע דו מיינטס ס׳איז מיר אַזוי גוט צו זען ווי זי טרייסלט מיט די אַקסלען, מיין ציפּקע? קיין קליינער יינגעלע בין איך ניט — כ׳שפּיי אויף דער לבנה! אָבער אַלע ערב־שבת טרייסלט זי מיט די אַקסלען, און אַמאָל נאָך — אין מיטנוואָך אויך!...

זעסטו, פּורים — דאָס איז שוין גאָר אַ אַנדער טראַסק! אויף אַ שנאַפּס בין איך אַפילו אַ בעלן אַלע טאָג — וואָרום מ׳האָט דען אַמאָל ניט געמאַכט „לחיים" זונטאָג, און מאָנטאָג און דינסטאָג? און צוויי מאָל אַ טאָג האָט מען ניט אַריינגעגאָסן אין לאָמפּ? אַז איך שעם זיך גאָר ניט — וועט מען מיך ניט מאַכן פאַר קיין רב! ווי איך בין אַ מענטש לייזערקע, ווען דו וועקסט מיך אויף אין מיטן נאַכט און דו זאָגסט מיר: „פּייוקע, אַ שנאַפּס" — וואָלט איך דיר די צורה צודראַפּעט און כ׳וואָלט דיר אַ קוש געטאָן און... לייזער־

קע קלאָץ, וואו זיינען אַמאָליקע כוסות? אָבער גאָרנישט — שאַ! וואו שנאַפּס? ווען שנאַפּס? אַ בייזער יאָר אויף אונז ביידן, ווי מיר זעען אויס און וואָס ס'איז געוואָרן פון לייזערקע קלאָץ און פון פּייווקע דעם קאָט! פאַר דיר רייד איך דאָך אָפענע איין און דריי־סיק און כ'וועל דיר זאָגן אויף דיין צופאַלמעסטן אויער: ס'טרעפט, אַז איך פאַרגעס גאָר וועגן אַ שנאַפּס!

נאָר פּורים — לייזערקע, דו ווייסט וואָס איז פּורים? דו גייסט אויך אין סידור צופוס — אַ פּאָר גלייכע לומדים מיטן קאָפּ אין דער ערד! אָבער ס'מאַכט ניט אויס — פּורים איז ניט שבת, פּורים איז... לייזערקע, דו ביזט קיינמאָל ניט געוועזן ביי מיר פּורים צו דער סעודה? שלימזל, דו האָסט ניט געקענט צו מיר קומען אַמאָל צו דער סעודה? ס'וואָלט געקלעקט פאַר דיר, און פאַר מיר און פאַר מיין ציפּקען... אֵי דו קלאָץ, וואו האָסטו זיך דאָס געוואַלגערט? מיינסט פון פרומקייט? איך בין אויף די זאַכן קיין מבין ניט. אָבער אַ ייד בין איך, צי ניט? המנקע איז געווען אַ כוליגאַן צי ניט? מיטן קאָפּ אין דער ערד! מיין טאַטע האָט פיינט געהאַט המנען און האָט האָלט געהאַט אַ שנאַפּס, און איך — כ'בין קיין ייד ניט, וואָס? הערסט, לייזערקע, זאָל איך געהרגעט ווערן, אויב כ'וועל פּורים ניט מאַכן קיין שנאַפּס! כ'קאָן מער ניט, פאַרשטייסט... מיטן קאָפּ אין דער ערד! כאָטש איינמאָל פאַרגעסן וועגן בולאַ־נעם, וועגן די קוואַשינעס... כ'וועל מאַכן אַ שנאַפּס!

כ'מוז מאַכן אַ שנאַפּס!

—✽✽✽✽—

אפיקומן.

רעכט פלעגט אַמאָל זאָגן מיין זיידע עליו השלום:

— קיין סחורה טאָר ניט מיאוס ווערן.

ער האָט געמאָגט מאַכן דעם ערגסטן מסחר, מיין זיידע, און פרעמדע האָבן געלאַכט און אייגענע האָבן זיך מצער געווען און קיין קונים זיינען ניט געווען און דער אַרטיקל האָט געזוג־קען ניין איילן אין דער ערד—איז דער זיידע מיינער פונדעסט־וועגן קיינמאָל ניט געפאַלן ביי זיך. ער פלעגט רואיג אויסהערן אַלע טענות און אַלע דרשות און פלעגט געלאַסן זאָגן:

— קיין סחורה טאָר ניט מיאוס ווערן.

פלעגט אין אונזער משפחה ביי עמיצן אַמאָל פאַרזעסן ווערן אַ מיידל, און דער האָט איר ניט געוואָלט און יענער האָט איר בראַקירק און דאָס מיידל האָט זיך געעלטערט און פרעמדע האָבן זיך געוויצלט און שונאים זיינען דערפרייט געוואָרן און טאַטע־מאַמע האָבן אין דער שטיל געזיפצט—האָט דער זיידע אַלע מאָל געטרייסט:

— קיין סחורה טאָר ניט מיאוס ווערן.

האָב איך דאַמאָלסט יאָ געגלויבט דעם זיידן, ניט געגלויבט דעם זיידן: קיין מלאך איז ער דאָך ניט, דער זיידע, און קיין נביא איז ער אויך ניט, און אַז מ׳כאַפּט פאַרט אַ שלעכטע קניה און דער אַרטיקל ליגט פאָרט טיף אין דער אדמה, און דאָס מיידל ווערט פאָרט ניט ייִנגער, נאָר אַלץ עלטער און עלטער, און זי ווערט דאַרער און זי ווערט... ער מאָג זיך אַפילו זיין אַ זיידע און דווקא אַ גוטער זיידע און אַ קלוגער זיידע און אַ שיינער זיידע,

אָבער קיין מלאך איז ער דאָך פאָרט ניט, און דאָס מיידל ווערט עלטער... האָב איך אים דאַמאָלסט יאָ געגלויבט און ניט געגלויבט: אפשר איז טאָקע דער זיידע גערעכט און אפשר ניט—גיכער ניט...

אָבער היינטיקער פסח... הערט איר? מ׳קען אַמאָל אָפּלעבן משותּלחס יאָרן און בלייבן אַ טיפּש—פּשוט אַ שוטה, וואָס ווייס ניט פון דאַנען אַהין, און טאָמער לעבט מען נאָך איין יאָר — אַ יאָר זאָג איך? איין פסח נאָר, איין סדר אַפילו איז גענוג, און ס׳ווערט דיר מיט אַמאָלט ליכטיק אין די אויגן און דו הויבסט אָן פאַרשטיין, אַז... אַ חכם געוועזן מיין זיידע עליו־השלום:

— קיין סחורה טאָר ניט מיאוס ווערן.

וואָרום איך פרעג אייך, אדרבה: האָט איר עפּעס ווען גע־האַלטן פון אַפּיקומן? דאָס הייסט, קיין מסחר האָט מען מיטן אַפּיקומן אַפילו קיינמאָל ניט געמאַכט און קיין גרויסע גליקן האָט מען פון אים ניט געוואַרט, אָבער דעם אמת זאָגט: דאָס איז עפּעס אַמאָל געווען אַ ראַיעלע שטיקל סחורה?

כ׳ווייס ניט, ווי ביי אייך — אפשר האָט דער אַפּיקומן ביי לייטן געהאַט מער מזל. ביי מיר אָבער: פלעגט נאָר קומען צום אַפּיקומן—איז קיינער אין דערהיים ניט געווען... איינער שלאָפט, דער אַנדערער דרעמלט, אַ דריטער ווערט פלוצלונג געפערלעך, אַ פערטער... איר דאַרפט וויסן, אַז איך ביז אָן עין־הרע אַ היפּ־שער בעל־משפּחה און צום סדר האָט מען זיך ביי מיר אַלע מאָל געזעצט זאַלבעפונפצענט: בחורים און יינגלעך און באַרישנעס און מיידלעך, און צי זיינען זיי דעם גאַנצן יאָר יאָ געווען פרום, צי זיינען זיי ניט געווען פרום — צום סדר זיינען אַלע געווען אויף די ערטער, און מיינע זין און מיינע טעכטער האָבן מקיים גע־ווען די מצווה פון אַרבע־כּוסות, די מצווה פון פיש און פון פלייש און פון קניידלעך—זיי האָבן זיך גאָר ניט געקענט אָפּלויבן פון דעם פסח...

איז אָבער נאָר געקומען צום אַפּיקומן... מיין יינגערע מיידל פלעגט אים אַפילו דאָס רוב אַרויסגנבענען פון אונטערן קישן, אָבער, מיינט איר, אַז ס׳פלעגט עפּעס פעלן פון אים? אַז זי פלעגט אים כאָטש אָנרירן? זי פלעגט נאָר פועלן ביי מיר אַ נייע הוט

אויף די אַנדערע טעג און... כ׳זאָג דאָך אייך: אַ לעבעדיקער נפש פלעגט ניט בלייבן ביי מיר ביים טיש! און דער אַפיקומן — איך אַ שטיקל, מיין ווייב אַ שטיקל... איך בין דאָך ניט קיין ייִנגל און די ווייב איז ניט קיין מיידל — מיר וועלן דאָך ניט צולויפן פון טיש באַלד נאָך די פיר כוסות! אַוודאי וועלן מיר דעם אַפיקומן ניט לאָזן אויף הפקר און אַוודאי וועלן מיר אים ניט לאָזן אויף איבעראַיאָר: ס׳וועט זיין פסח — וועט זיין אַן אַפיקומן... כ׳זאָל אָבער זאָגן, אַז... פאַר קיין ראַיעלע שטיקל סחורה האָב איך דעם אַפיקומן בשום־אופן ניט געהאַלטן! דאָס הייסט כ׳האָב ניט געזוכט קיין פרנסה פון אַפיקומן און כ׳האָב ניט געוואָלט פון אים גליקלעך ווערן, אָבער אַז מ׳עסט פריער אָפּ פיש און פלייש און קניידלעך און קאָמ־פּאָט און מ׳פאַרטרינקט מיט איין כוס און מיט נאָך אַ כוס און מיט אַ דריטן און מיט אַ פערטן, און איין זון ווערט אַנשלאָפן און דער אַנדערער ווערט אַנדרעמלט און דער דריטער... און דער אַפיקומן איז ניט קיין קליינער און לאָזן אים אויף איבעראַיאָר — ס׳וועט דאָך דעמאָלסט זיין אַ נייער. זאָגט אייך, וואָס איר ווילט: אַפילו מיין זיידע, עליו־השלום, וואָלט דוכט זיך פון אַזאַ אַרטיקל קיין התפעלות ניט געהאַט! וואָס איז אָבער די פעולה: מיין זיידע איז פאָרט גע־ווען אַ חכם. רעכט פלעגט ער זאָגן:

— קיין סחורה טאָר ניט מיאוס ווערן.

מיינט איר אפשר, אַז ס׳איז ביי מיר הייַנטיקן יאָר קיין סדר ניט געווען? ס׳איז ביי מיר גאָט צו דאַנקען געווען אַ פּסח מיט חרוסת און מיט מרור... נאָר עפּעס האָבן מיינע זין און מיינע טעכטער הייַנטיגן פּסח — כ׳האָב מורא צו זאָגן, אַז זיי זיינען פרי־מער געוואָרן... כ׳מיין, וואָס קאָן מען פאָדערן פון איצטיקע קינדער? זיי זיינען פאַראַיאָרן אין שול ניט געגאַנגען און זיינען אויף הייַנ־טיקן יאָר פאַרבליבן די זעלבע בעלי־תפילות... זיי זיינען אָבער פאָרט געוואָרן אַביסל... בפירוש, כ׳האָב אמת הנאָה געהאַט פון זיי הייַנטיקן פּסח: יידישע מענטשן געוואָרן! וואָס האָב איך פון זיי געזען פאַר אַ צדקות? גאָרניט — וואָס זאָל מען זען? איר האָט אָבער געדאַרפט זען, ווי חברה האָט זיך דאָס הייַנטיקס יאָר געאייַלט ביי מיר צום

סדר! וואָרום קיין פּראָסטע קינדער זיינען זיי דווקא ניט מיינע בנים, און זיי ווייסן דען ניט, אַז די הגדה דאַרף מען אָפּזאָגן נאָך פאַר האַלבער נאַכט? היינט איז חברה געזעסן ביים טיש... אַמאָל זיינען זיי אַלע ביי מיר געוועזן, ווי אויף שפּראָנזינעס: דאָ האָט מען זיך צוגעזעצט אַ ווײַלע צום סדר, דאָ האָט מען זיך ווי־דער געשטעלט און דאָ כאַפּט איינער פּלוצלונג גאָר די היטל און גייט זיך אין מיטן דערינען אַוועק אין גאַס כאַפּן די לופט. אָבער היינטיגס יאָר האָט מען זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש — איז מען גע־זעסן, ווי צוגעשמידטע און — זיי האָבן אפילו איין ברכה ניט פאַר־פעלט...

איך האָב געגעסן חרוסת — זיי אויך חרוסת, איך נעם אַ כזית מרור — זיי זיינען אויך דאָ, וואָרום זיי זיינען קיין יידן ניט, וואָס?... נאָר דער עיקר איז געווען ביים... איר פאַרשטייט? אַז איך בין גאָרניט געוואוינט געוועזן דערצו, אַז ס'איז מיר גאָר אַפילו ניט איינגעפאַלן: ווי קומען מיינע קינדער צו אַפיקומן? וואָס איז אָבער די נפקא־מינה: סיי מיינע בחורים, סיי מיינע מיידלעך — וואו שלאָפן? וואו דרעמלען? וואו צאָן־ווייטאָג? אַלע זיצן אויף די ערטער און קוקן ביי מיר אונטערן קישן און וואַרטן... כ'האָב געקוקט אויף מיינע קינדער, געקוקט אויפן אַפיקומן און האָב זיך ניט געקאָנט פאַרגעסן וועגן מיין זיידן עליו־השלום:

— קיין סחורה טאָר ניט מיאוס ווערן...

אַוודאי האָט מיר הנאה געטאָן די מעשה, אָבער... איר פאַרשטייט? דער ערשטער פסח... כ'האָב דאָך שוין אָפּגעלעבט אַ היפּש ביסל יאָרן, און דעם ערשטן פסח בלייב איך ניט געגעסן קיין אַפיקומן. כ'מיין, אַז...

זיי האָבן פּשוט צוכאַפּט, מיינע בנים!...

אַ פּעקל.

לייבקע, דו הערסט, לייבקע? מ׳קאָן שטאַרבן פון געלעכטער, ווי איך בין אַ מענטש! וואָס שטייסטו, ווי אַ דראָנג—קום, מיר וועלן מאַכן אַ שנאַפּס, אַז די קאָפּ וועט זיך ניט זען! אויפן ניכ־טערן האַרצן בין איך שוין אַפילו ניט. שוין איינמאָל באַנעצט היינט די ליפּן, און כ׳האָב זיך געלאָזט גוט באַצאָלן אויך. אָבער לייבקע, ס׳וועט נאָך ביי מיר קלעקן אויף פינף טרונק בראַנפנס, ווי איך בין אַ מענטש! זע־זע, ווי ער האָט זיך פאַרקוקט אויף מיר! קאָנסט מיך ניט, לייבקע? אַז איך זאָג דיר קום—איז קום! קיין חכמות איז ביי מיר ניטאָ: כ׳קען דיר ווייזן געלט, אַז דו ווילסט! דו זעסט אַ פּעקל באָנעס, צו ניט? ביי דיין באָבן אין קינפּעט האָסטו דאָס געוויס ניט געזען: דו ווייסט וויפיל דאָ איז דאָ? און איך אַליין, מיינסטו, האָב ווען געזען אַזאַ פּאַמפּוזע געלט? זיבן און ציבעציק מאַרק, ווי איך בין אַ מענטש!

אַי, לייבקע, מ׳קען שטאַרבן פון געלעכטער, ווי אין בין אַ מענטש! עפּעס ביזטו דאָך אַ גאַס־מענטש ניט פון היינט—האָסט שוין אַוודאַי צוריסן אַ פּאָר הונדערט שטריק אויף דיין לעבן, ניט אמת? שאַ, מיר זיינען דאַכט זיך אין איין יאָר אַרויס אויפן גאַס: אויף דער רעמיזיע האָט נאָך דאַמאָלסט זעלדע די ברייטע געהאַלטן די גאָרקוכנע—געדיינקסט אירע לונגען? אַ רעכטע שטיקל לונגען איז געוועזן נאָר ביי זעלדן, ווי איך בין אַ מענטש! וויפיל יאָר קען שוין דאָס זיין, לייבקע? אַוודאַי אַ יאָר צוואַנציק, אויב ניט מער. אַ גוזמא מיט יאָרן—כ׳האָב שוין גאָר כמעט פאַרגעסן דעם טעם פון זעלדעס לונגען! ביזטו דאָך שוין, צדיק מיינער, העכער צוואַנ־

ציק יאָר אַ גאַס=מענטש—טאָ וויפיל פּעקלעך האָסטו אויף דיין הינ=
טישן לעבן אַוועקגעטראָגן, האַ? פינסטערער למדן, און אַז דו ווע́סט
אַפילו אויסטאָן די שטיוול, וועסטו דאָס באַחשבונען? אפשר טויזנט
פּעקלעך! אפשר צען טויזנט פּעקלעך! אפשר הונדערט טויזנט
פּעקלעך!

וואָרום איך דאַרף דיר דערציילן מעשיות, לייבקע? אַמאָל
איז געווען וואָס צו טראָגן! געקומען פון איין יאַזדע—שוין דאָ
אַ צווייטע! אַ גרויסע ווערדע האָט דאָס געהאַט צו כאַפּן אַ פּעקל!

און היינט לייבקע, וואו זיינען דאָס די פּעקלעך אַהינגעקו=
מען? צוואַנציק יאָר האָב איך געפּעקלט, און מיט אַ מאָל—מ׳קען
דאָך אויסגיין פאַר אַ פּעקל, ווי איך בין אַ מענטש! אָט די שטריק
זעסטו? שוין צוויי יאָר ביי מיר, ווי איך בין אַ מענטש! דו
גאַרטלסט זיך אַ פּנים אַמאָל אָפּ, לייבקע? אָט אַזוי ווי דו זעסט—
שטעלט מען זיך אַוועק אינדערפרי, און מ׳שטייט און מ׳שטייט און
מ׳גלאָצט מיט די אויגן—וואו יאַזדע? ווען יאַזדע? אַז ס׳איז גאַר
קיין מענטשן ניטאָ! אַז ס׳איז גאַר קיין שטאָט ניטאָ! קענסט דאָך
מיך, לייבקע, קיין ליגן זאָג איך ניט, ווייסט דאָך: אַ מאַרק פאַר=
דינען ווילט זיך, וואָרום מיינע הויפן, וואָס איך האָב? מיינע היי=
זער? מיינע ברייזער? נאָר קיין ליגן זאָג איך ניט:יע פאַרדינען, ניט
פאַרדינען—ס׳ווילט זיך כאָטש אַמאָל אָנזען אַ פּעקל אין די אויגן!
צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד: פּעקל, פּעקל, פּעקל—אַ פּעקל אַהער,
אַ פּעקל אַ הין; אַ פּעקל פון באַן, אַ פּעקל צום באַן... לאָמיר
כאָטש זען אַ פּעקל אין די אויגן! וועל איך אים טראָגן, וועסטו
אים טראָגן, וועט אים פינקע טראָגן, אָבער אַ פּעקל זאָל מען זען!

נאָר גיי שריי חי=וקיים—ניטאָ איז ניטאָ! פאַרברענט גע=
וואָרן, פאַרשרפעט געוואָרן: פאַרברענט זאָל דאָס ווערן, ווי איך
בין אַ מענטש! אָבער, לייבקע, האָב איך דאָס נעכטן געפּאַקט אַ
יאַזדע—מ׳קען שטאַרבן פון געלעכטער, לייבקע! צייט איך לעב
און צייט איך שטיי אויף מיינע פיס, צייט איך בין אַ גאַס=מענטש,
צייט איך מאַך אַ שנאַפּס—זיבן און זיבעציק מאַרק, לייבקע! עפּעס
אַרויסגעשלעפּט פון פּעקל, מיינסטו? אַזוי לאַנג לייגסטו נאָך אָן
מיטן קאָפּ, בראַזידלע איינער! איך זאָג דיר אַ יאַזדע—איז אַ

יאַזדע, ווי איך בין אַ מענטש! און מיינסטו אפשר אַ שווערער פעקל? איך לאָז זיך אויס פון אים! אויף אַזעלכע פעקלעך שפּיי איך, ווי איך בין אַ מענטש! אָן אַ שטריק, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן, אָן אַ שטריק האָב איך אים געטראַבאַנעט! איך האָב גאָר אַפילו ניט געוואוסט, צי ליגט דער פעקל ביי מיר אויפן פּלייצע!

הער אַ מעשה, לייבקע! נעכטן גאַנץ פרי, ס'איז נאָך אפשר קיין זעקס אַ זייגער ניט געווען, שטיי איך אַזוי לעבן דער רע־מיזיע, ערשט אַ יונגערמאַנטשיק ווינקט מיר פון דערווייטענס מיט אַ שטעקל. מיינסט ס'האָט זיך געגלויבט, לייבקע? קיין צער זאָל איך אַזוי אין מיין שטוב ניט האָבן! אַז כ'האָב שוין גאָר פאַרגעסן ווי מ'טוט זיך אַ ריר און ווי מ'טוט זיך אַ קער און ווי מ'טוט אַ לאָף — דו האָסט ניט פאַרגעסן לייבקע? אָבער דער יונגערמאַנטשיק — ער איז פון רודניצקער גאַס, דו דאַרפסט אים קאָנען: רק ער דרייט זיך אַרום דער בירזשע און רק ער קאָכט זיך — אוודאי קאָנסטו אים, אַ שאלה דאָס איז! שטייט ער דער יונגערמאַנטשיק און... אַז ער האָט מיר מער ניט נאָך איין מאָל אַ וואונק געטאָן — בין איך שוין געווען לעבן אים! וואָס־זשע, איך וועל וואַרטן אויף גליקן? אַהער־אַהין, אַהין־אַהער — טאַקע אַ יאַזדע, ווי איך בין אַ מענטש! וויפיל וויל איך — פרעגט ער ביי מיר: ניט קיין גרויסער פעקל און טראָגן דאַרף מען גאָר־גאָר נאָהענט, פאַר־שטייסט, לייבקע? כ'האָב אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם, ווי איך אַ מענטש! אַ נפקא־מינה דאָס איז מיר, צי אַ קליינער פעקל, צי אַ גרויסער פעקל, אַבי אַ פעקל! אַבי אַ יאַזדע! און אַז ווייט וועל איך ניט טראָגן? אַ גאַס־מענטש דאַרף טראָגן אַ פעקל, ניט אמת, לייבקע? וואָרום כ'וועל זיך זעצן שרייבן תפילין? זאָג איך אים: צווויי מאַרק, זאָגט ער מיר: אָנדערהאַלבן, זאָג איך: גוט! איך גיי אַריין צו אים שטוב כ'טו אַ קוק אויפ'ן פעקל — אונטערן פאַכווע, ווי איך בין אַ מענטש, אונטער'ן פאַכווע נעם איך אים! נעם איך דעם פעקל און טראָג אים אַוועק אויף קאָמעניצקער גאַס און אַוועקגעלייגט און וויל שוין אַוועקגיין: כ'וועל זיך דאָרט אָני־דערזעצן אויף רבנות וואָס? ערשט דער קרעמער פון קאָמעניצקער גאַס

—אים דאַרפסטו אויך קאָנען: רק ער דרייט זיך אַרום דער ביר־זשע און רק ער קאָכט זיך — זאָגט ער צו מיר: ר׳ איד... מילא ר׳ ייד איז ר׳ ייד! שטיי איך און קוק און שווייג און וואַרט, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט—ער האָט זיך מיישב געווען אַ ביסל מיט דער ווייב, און האָט מיך געפרעגט: איר וועט אַוועקטראָגן אָט דעם פּעקל אויף דייטשע גאַס?

ווי געפעלט דיר די שאלה, לייבקע? כ׳האָב קיין טענות ניט געמאַכט, אַוועקגעטראָגן דעם פּעקל אויף דייטשע גאַס. געכאַפּט גאַנצע צוויי מאַרק און וויל שוין גיין, ערשט דער סוחר פון דייטשע גאַס — קאָנסט אים אַוואַי: ער דרייט זיך רק אַרום דער בירזשע און קאָכט זיך רק — מאַכט ער צו מיר: איר האָט צייט, ר׳ ייד? איר וועט צוטראָגן אַ פּעקל אויף זאַוואַלנע גאַס. מיין איך דאָך, אַז ער וועט מיר באַלד מכבד זיין מיט אַ קאַסטן, צו מיט אַ קאָרב, צי מיט אַ זאַק — כ׳וואָלט שוין דאָס וועלן זען! ערשט ער טוט מיר אַ ווייז טיטן גראָבן פינגער: טאָקע אָט דעם פּעקל וועט איר אַוועקגעטראָגן אויף זאַוואַלנע גאַס. לייבקע, דו פאַר־שטייסט? ער האָט קיין צוויי פּוד ניט געווען, ווי איך בין אַ מענטש, און פערטהאַלבן מאַרק האָב איך שוין און פאַר דער נייער יאַזדע דריטהאַלבן מאַרק — וואָס פעלט מיר, לייבקע? כ׳קום אויף זאַוואַלנע גאַס—דאָרטן אויך אַ באַקאַנטער יונגערמאַנטשיק: רק ער דרייט זיך אַרום דער בירזשע און רק ער קאָכט זיך—ווידער! פאַר־שטייסטו מיך, אַמאָליגע יאָרן, אַז גאַנץ פרי האָט מען אַריינגע־וואָרפן אַ הערינג און מ׳האָט פאַרביסן מיט אַ זויערן אוגאָראָק און און מ׳האָט געכאַפּט אַ שטיקל רעטשיסניק — פלעגט דער פּעקל אַליין גיין, פאַרשטייסט?

היינט אָבער—ס׳איז פאָלג מיר אַ גאַנג: פון רודניצקער אויף קאַמניצקער, פון קאַמניצקער אויף דייטשע, פון דייטשע אויף זאַ־וואַלגע... איך וועל אַריינכאַפּן, זאָג איך, אַ פונטל לחם און אָט שוין—וואו זאָל איך טראָגן? איין קליינעקייט: אַ עק ברייטע גאַס! נו, איז וואָס וועל איך זיך אָפּזאָגן פון אַ יאַזדע? קאָם דערלעבט צו זען אַ פּעקל אין די אויגן! די לחם האָב איך געגעסן אויפ׳ן גאַס, און צייט אַ האַלבע שעה בין איך שוין געווען מיטן פּעקל

אויף ברייטע גאַס. דריי מאַרק גענומען, ווי איך בין מענטש! אַ גוטן טאָג — זאָג איך און הויב זיך אָן אַרויסרוקן: אַזעלכע טעג זאָל איך האָבן כאָטש אַלע וואָך, ווי איך בין אַ מענטש! אָבער דער בעל־הבית — קאָנסט אים געוויס: רק אַרום בירזשע און קאָכט זיך און קאָכט זיך — „דעם פּעקל, זאָגט ער, דאַרף מען אַוועקטראָגן אויף סטעפּן־גאַס"!

ווי געפעלט דיר, לייבקע? ווי איך בין אַ מענטש, אַז כ'האָב בשעת־מעשה אָנגעהויבן מורא האָבן פאַרן פּעקל! קיין שרעקעדי־קער בין איך ניט און אַז מ'דאַרף, קאָן איך געבן אַ פּאַטש אויך, ווי איך בין אַ מענטש! נאָר איך פאַרשטיי ניט, וואָס דאָ טוט זיך! אַז ס'לייגט זיך מיר ניט אויפן שכל! סיידן די יונגעלייטלעך האָבן לכתחילה אָפּגערעדט מ'זאָל מיר עפּעס צושאַרן פּרנסה! אָבער פון אַ פּעקל האָב איך זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט, און איצט — לייב־קע, דו וואָלסט זיך מסתמא קאַם צוגעכאַפּט צו אים, אמת? דאָ האָב איך שוין, אַראָפּגענומען די שטריק און בין אַוועק פּאָוואָלע אויף סטעפּן־גאַס: אַראָפּוואַרפן דעם פּעקל און אַביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם — דו שפּילסט זיך מיט איצטיקע היצן! אָבער לייבקע, ניט גע־טראָפן דעם אָרט! דאָס איז ניט פון די פּעקלעך! די בעל־הביתטע — דו דאַרפסט זי קאָנען: רק זי דרייט זיך אַרום דער בירזשע און רק זי קאָכט זיך — שטעלט זיך אַנידער און זאָגט: „וואַרט אַווײַלע, ר' ייד, וואַרט אַווײַלע".

כ'בין אפילו ניט קיין שרעקעדיקער און פאַר אַ יידענע האָב איך אַוודאי קיין מורא ניט: וואָס וועט זי מיר טאָן? אָבער ס'איז מיר פאָרט אַריין אין נאָז: וואָס איז דאָס פאַר אַ מין פּעקל? וואָס וואַרפט אים דאָ פאַר אַ קדחת? און צי צאָלט מען מיר אַקאָרשט ניט מיט פאַלשע געלט? כ'קוק זיך אַיין אין מיינע באָנעס — הלוואי אַ צען פּוד אַזעלכע, ווי איך בין אַ מענטש! אַקיצור, די יידענע וויל כ'זאָל אַוועקטראָגן דעם פּעקל אויף טראָקער גאַס — זאָל זיין אויף טראָקער! אַז ס'קומט צו דריי מאַרק — קומט ניט אָפּ! אָבער הערסט דאָך, לייבקע, מיינסט, אַז אויף טראָקער גאַס איז שוין גע־ווען אַ סוף? כ'בין נאָך געגאַנגען מיטן פּעקל אויף שניפּישאָק און אויף זשאַרעטשע און גענומען דריי מאַרק און פינף מאַרק, אוועק־

געטראָגן צוריק אויף זאַוואַלנע און ווידער באַקומען פּאַר אַ יאַזדע, ביז...

לייבקע, כ'שטאַרב פון געלעכטער! קוק ניט, ווי אַ האָן אין בני אדם! לייבקע, זיבן=און=זיבעציק מאַרק האָב איך געכאַפּט פון איין פּעקל! לייבקע, גייסט מאַכן אַ שנאַפּט?

„וואו איז געבליבן דער פּעקל?"—פרעגסטו: אָט פון וואַנען איך האָב אים זעקס אַ זייגער אינדערפרי גענומען, אַהין האָב איך אים האַלב עלף אַ זייגער ביינאַכט געבראַכט צוריק: טאַקע צום יונגנמאַנטשיק אויף רודניצקער גאַס! לייבקע, ווי געפעלט דיר עפּעס אַזאַ פּעקל?

אן אײדעלע שטאט.

אַ טייערע שטאָט אַמאָל געוועזן ווילנע, און געוואָרן איז פון איר — ווילנע איז דאָס? סדום איז דאָך דאָס געוואָרן! איך קאָן ווילנע און ווילנע קאָן חיים=זרח דעם מאַליאַטער ניט פון היינט און ניט פון נעכטן און ניט פון פאַראַיאָרן — שוין דרייסיק יאָר, גאָט צו דאַנקען, אַז איך האַלט אין פאָרן: פון מאַליאַט קיין ווילנע, פון ווילנע קיין מאַליאַט און ווידער צוריק און נאָך אַמאָל קיין ווילנע — אַמאָל מיט פוטער, אַמאָל מיט אייער, אַמאָל מיט אינדיקעס, אַמאָל מיט חזיר=האָר... און, כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, כ'האָב האָלט געהאַט ווילנע, אַן אײדעלע שטאָט אַמאָל געוועזן, טאַקע ביז גאָר אַן אײדעלע...

פלעג איך נאָר באַווייזן זיך מיט מיין אַלטן טשעמאָדאַן אויפן ווילנער וואָקזאַל, פלעגט מיר תיכף אַרומרינגלען אַ גאַנצער מנין יידן — יונגע און אַלטע, געזונטע און שוואַכע, און אַלע אין איין קול: ר' ייד! איינער רייסט מיין טשעמאָדאַן צו זיך, אַ צווייטער שלעפּט אים צו זיך, טאַקע ווי ס'וואָלט אַראָפּגעקומען עפּעס אַ לייטישער זיידע און זיינע אייניקלעך זיינען דאָס אים געקומען מקבל פּנים זיין... אמת, מיר פלעגט קאָסטן דער פאַרגעניגן אַ צוואַנציקער, אָבער וואָס האָט דאָס איינס צו דאָס אַנדערע?... דערנאָך פלעגט זיך אָנהויבן די מצוה „הכנסת=אורחים", און אַז מיין אויבער=בגד איז אַרויס בשלום — איז דאָס ממש נסים, וואָרים וויפיל אכסניות ס'זיינען פאַראַן אין ווילנע — יעדערע האָט געוואָלט האָבן חיים=זרח דעם מאַליאַטער דווקא ביי זיך, און אויסגעגאַנגען איז דאָס אַלץ צו מיין פּעלצל — מען האָט אים געריסן פון אַלע זייטן... אמת, כ'פלעג באַצאָלן פאַר איבערנעכטיקן,

כ׳פלעג באַצאָלן פאַר אַ גלאָז טיי—כ׳פלעג באַצאָלן, ווי זשע דען? אָבער וואָס האָט דאָס איינס צו דאָס אַנדערע? דער עיקר איז דאָך די פריינדשאַפט, די איידלקייט... און דאָס איז שוין גאָר, מיינט איר? אין איידלקייט, דאַרפט איר וויסן, איז קיין סוף ניטאָ, און נאָך אין דער אַמאָליקער ווילנע—אַי איז דאָס געווען אַ שטאָט!

דוכט זיך, אַ קליינקייט — רודניצקער גאַס, אָבער ס׳אַראַ מענטשן ס׳זיינען דאָ ס׳אַמאָל געווען! מענטשן זאָג איך — מלאָכים, אמת׳ע מלאכים זיינען דאָרט געזעסן! וואָרום וואָס האָט מען אייך דאָרטן גיט פאָרגעלייגט? האָט איר נאָר אַהין אַריינגעשטעלט אַ פוס —איז גלייך: ר׳ ייד, זייף, ר׳ ייד, דזעגעכץ, פּאַני, שטריק, פּאַני, פרישע קאָנסערוון, פּאַני דאָס, פּאַני יענץ—הכלל פּאַני און פּאַני, און פּאַני... אמת, כ׳פלעג אַמאָל אויף רודניצקער גאַס גוט אויס־טרייסלען מיין מאַליאַטער טייסטער, אָבער וואָס האָט דאָס איינס צו דאָס אַנדערע?... און דייטשע גאַס, מיינט איר, האָט זיך גע־האַט וואָס צו שעמען? אַז מ׳שמועסט אַן איידעלע שטאָט—איז דאָך ניט שייך! האָבן זיי דאָרט אויף דייטשע גאַס ניט געהאַט פאַר מיר קיין דזעגעכץ — איז רעכט געווען מיר מזכה זיין מיט אַ האַרטן קאַפּעלוש, מיט אַ טשיקאַווע ליאַלקע צום שפּילן זיך, און דער עיקר, די פיינקייט, די איידלקייט: פּאַני, און פּאַני, און פּאַני... כ׳פלעג קויפן און צאָלן און קוועטשן מיט די פּלייצעס: פרעמדע מענטשן, און ס׳אַראַ פריינדליכקייט ס׳אַראַ איידעלקייט, ס׳אַראַ... כ׳האָב זיך, פשוט, קיינמאָל ניט געקאָנט אָפּלויבן פון ווילנע! אַז ס׳איז טאַקי געווען אַ מחיה צו קומען אַהער! אַז ס׳איז... האָט דאָס מיר יאָ געקאָסט קיין געלט, ניט געקאָסט געלט—מיט זיך נעמט מען קיין געלט ניט—און איידעלקייט בלייבט טאַקי איידלקייט.

און איצטער... דיזעלבע רודניצקער גאַס, דוכט זיך, דיזעלבע הייזער, דיזעלבע קרעמער, און זייף דאַרף איך איצט דוקא האָבן, און מיט דזעגעכץ וואָלט איך אויך ניט בראַקירט, און פון אַ שטריק איז אין מאַליאַט קיין זכר ניטאָ, אָבער—אַז איך פאַרשטיי ניט וואָס דאָ טוט זיך! איך גיי מיר דורך די רודניצקער גאַס

איינמאָל און נאָך אַמאָל און באַווייז זיך אַ דריטן מאָל — צי זיי זיינען דאָס אויף מיר ברוגז, צי זיי זיינען אויף אַנדערן ברוגז, צי ביי זיי אַלעמען איז געוואָרן „יד־אחת", צי... איר פאַרשטייט? ניט קיין זייף, ניט קיין „פּאַני", ניט קיין שטריק, ניט קיין לייב, ניט קיין לעבן, און ס'אַראַ פּנימער ביי אַלעמען! עפּעס זיצן זיי די קרעמער אַלע אָנגעבלאָזענע, איינגעהויקערטע, פאַר־שטופּטע אין די ווינקעלעך, און גלאָצן אַלע אויף מיר מיט די אויגן און קוקן אויף מיין ישובישן גוף מיט אַזאַ חשד, וואָס האָב איך זיי געטאָן? מילא, גאָרנישט — מיט גוואַלד נעמט מען קיין איידלקייט ניט: איז ניט „פּאַני", אָבער זייף, אָבער דזעגעכץ, אָבער שטריק!... יאָ פּאַני, ניט פּאַני, אָבער אָן סחורה קיין מאַליאַט דאַרף איך דאָך ניט פאָרן!

בין איך מוחל אויף מיין כבוד און וואַרט ניט אויף איידל־קייט און פאַרקירעווע זיך אַליין אין אַ קראָם און זאָג גוט־מאָרגן און פרעג, וואָס מען מאַכט, און איך וואַרט און איך שטאַמל און קוק דעם קרעמער אין די אויגן און ס'הייבט מיך אין דער לופטן: אין ווילנע בין איך צי אין סדום?! איר הערט, אַז איך שטיי שוין ביי יענעם אין קראָם—אַליין אַריינגעגאַנגען, בפירוש אַליין: קיינער האָט מיר פאַרן פּעלץ ניט געצויגן און וועגן „פּאַני" איז דאָך שוין ניטאָ וואָס צו ריידן. איז אַז איך שטיי שוין אין קראָם טאַקע געבן די סאַמע פּאָליצעס, אמת, ליידיקע פּאָליצעס... און גאָרנישט: ניט קיין לשון, ניט קיין שמייכל, ניט קיין... דאָס איז ווילנע?! בין איך זיך מישב: מ'דאַרף אַליין אַ פרעג טאָן—אָפּ־שמייסן וועט מען דאָך מיר דערפאַר ניט!

— וואָס הערט זיך עפּעס מיט אַ ביסל סחורה — פרעג איך אַ שעמעוודיקער: כ'האָב געדאַרפט... אַ ביסל זייף האָב איך גע־דאַרפט, און טשוועקעס...

— איר זייט אַ מלמד! — ענטפערט מיר דער קרעמער מיט בעס.

— וואָס הייסט אַ מלמד? פרעג איך אים אין פּשטות און מיט גוטן: איר דערקענט מיך ניט? איך בין דאָך... חיים זרח בין איך דאָך...

— חייע זרח צי חיים טרייטל — אַלץ אַ מלמד...

פאַרשטיי איך ניט וואָס דאָ טוט זיך! צי בין איך אין ווילנע, צי בין איך אין סדום — אַז איך פאַרשטיי אַ וואָרט ניט! אָבער אַ נסיעה פון מאַליאַט קיין ווילנע קאָסט געלט און קאָסט געזונד. און מאַליאַט זיצט אָן זייף און אָן...

— און מיט שטריק וואָס הערט זיך, מיט שטריק... פרעג איך אַ צוטומלטער: און אַ ביסל דזעגעכץ און צוקער און...

מילא, ענטפער יאָ, ענטפער ניט, פאַרקויף מיר יאָ, פאַרקויף מיר ניט, אָבער כ׳פרעג אייך, צו וואָס איז נאָך דאָ דער כעסן און וואָס פּאַסט דאָ דער „מלמד"?! און דווקא אין איין קראָם, מיינט איר, האָט מען מיר געגעבן אַזאַ געשמאַקע תשובה? אומעטום די זעלבע מעשה. איך זיי: „דזעגעכץ" און זיי מיר: מלמד! כ׳מיין, כ׳האָב צו ווילנע קיין טענות ניט, אָבער אַז ס׳איז פּאָרט ניט דאָס, אַז ס׳איז פּאָרט סדום! וואָרום איר ווייסט מיט וואָס איך בין אַוועקגעפאָרן פון ווילנע אַהיים? מיאוס צו זאָגן מיט... מיט אַ האַרטן קאַפּעלוש!...

שבת־תשובה.

במבע בין איך אַ ייד ניט קיין שרעקעדיקער, וואָרום איך האָב מיר אַלע מאָל מיין אויסרעכענונג: אין קאַשע וועט מען מיך ניט אויפעסן און וואָס קען זיין ערגער ווי שלעכט? אגב פאַרשטיי איך בכלל ניט, וואָס האָט אַזאַ ייד ווי איך צו שרעקן זיך. מורא האָבן איז שייך נאָר פאַר אַ בן־יחיד, וואָס איז געוואוינט מען זאָל אים קוקן אין די אויגן אַריין בעת ער עסט און בעת ער שלאָפט און בעת ער גייט און בעת ער שטייט — אַזאַ קאָן זיך נאָך חלילה אויסגליטשן, קען נאָך חלילה כאַפּן אַן איבעריקן ביסן, און — אַ בן־יחיד איז דאָך ניט שייך!

אָבער סתם אַ מענש, טאַקע אַזאַ ייד ווי איך, וואָס האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון כל־המינים שרעק און שלעק און עגמת־נפש, וואָס איז שוין געוועזן נע־ונד אין ארבע פנות עולם און האָט שוין געטאָן אויף זיין לעבן כל עבודת־פרך און — אַזאַ ייד האָט עפּעס וואָס מורא צו האָבן?

כ'וויל זיך פאַר אייך ניט באַרימען, נאָר ווי איר קוקט מיך אָן בין איך שוין געוועזן אויף מיין לעבן אין מיל און אין באָד און אין הקדש, און איך האָב שוין אויף זיך געהאַט שריפות און באַנקראָטן און פאָגראָמען, און איך בין שוין געוועזן — וואו ניט? אין אַמעריקע שוין אויך געוועזן, און געזאָגט האָט מען אַפילו, אַז דאָרטן קלייבט מען דימענטן אויפן ברעג ים, נאָר... פאַרשטייט איר מיר, דימענטן קלייבט מען דאָרטן משמעות נאָר בעת מ'האָט שוין גאָרנישט וואָס צו טאָן, און איך האָב, צום אומגליק, געהאַט דאָרטן אַ מלאכה — כ'האָב געפּרעסט הויזן.

אַ קיצור, איך האָב שוין אויף מיין לעבן געהאַט פאַר מיין

כשרן גראָשן: צעזונד געווען, געוואַלגערט זיך, געמסחרט, געהאַנדלט, און ווי עפּעס אַ כּישוף וואָלט אין מיר געלעגן—פון די אָרימקייט האָב איך קיינמאָל ניט געקאָנט אַרויסקריכן!

אַז איך האָב דאָרטן אין אַמעריקע אָנגעלייגט אַמאָל מיטן קאָפּ און אויסגעפּרעסט—אָן אַ גוזמא—צען טויזנט פּאָר פּלודערן, און איך האָב אָפּגעשפּאָרט דריי מאות דאָלער און כ'האָב זיך אומגעקערט צוריק אין מיין אַמאָליקן שטעטל און האָב אויפגעקלאַפּט אַן אייגענע שטיבל מיט אַ קרעמל, און אַן אייגענע קו איז שוין אויך געווען, און—אַ סברא, אַז כ'האָב שוין אפילו געהאַלטן ביים ווערן אין שטעטל אַ גבאי אויך!

אָבער, איז וואָס? קיין קאָנטראַקט מיטן רבונו־של־עולם האָב איך דאָך ניט געמאַכט, און אַז ס'האָט אָפּגעברענט די גאַנצע שטעטל, ווער דווקא בלייבן מיין שטיבל, וואָס? געקיניגט עטליכע יאָר און כ'האָב אויפגעהאָדעוועט דריי יינגלעך מיט דריי מיידלעך, און נאָך דער שריפה בין איך דאָס אַריינגעפאָרן אין אַייער שטאָט. כ'מיין, אַ ייד דאַרף דאָך ערגעץ וואוינען—איז רעכט דאָ און ס'איז רעכט דאָרטן, און וויבאַלד, אַז קיין געלט איז ניטאָ. די נשמות זיינען נאָך אפילו ביי אונז געזעסן און דווקא טיף געזעסן סיי ביי מיר גופא סיי ביי מיין ווייב, סיי ביי מיינע יינגלעך, סיי ביי מיינע מיידלעך, און מיר זיינען געווען כמעט־כמעט ווי אַלע מענטשן. נאָר לאָזט זיך אויס, אַז אַ נשמה אָן געלט איז בלאָטע מיט בלאָטע, און אומעטום איז מען דאַמאָלסט אַן איבעריקער סיי אויפן ים און סיי אויף דער יבשה, און אויב ס'האָט מיר געפּאַסט צו פרעסן אין אַמעריקע תחתונים, טאָ פאַרוואָס זאָל איך זיך אין אייער שטאָט ניט נעמען צו שדכנות?

האָב איך מיר אַזוי פאַמעלעך גערעדט שידוכים און גערעדט און געלעבט... מיין ווייב פלעגט אפילו דאָס רוב זאָגן, אַז דאָס איז ניט געלעבט—דאָס איז געמאַטערט זיך, און ס'קאָן זיין, אַז זי איז טאַקע אַביסל גערעכט געווען אויך, וואָרים איר מיינט, אַז איך האָב ווען אויסגעפירט אַ שידוך, וואָס?

אמת, ביי אַ רייכן חתן פלעג איך אָפטמאָל באַקומען עטלעכע צענער אויף מאַרקעס און ביי אַ מחותן, וואָס האָט אַ בראַ=

קאָווגע בתולה, פלעגט מען אַמאָל קריגן אַ טרונק בראַנפן אויך. אָבער איז וואָס? איז דאָס אַ געשעפט פאַר אַ יידן, וואָס איז אַמאָל אַליין געווען אַ שטיקל בעל-הבית און האָט געשפּילט אַ ראָלע און האָט געזאָגט אַ דעה, און—מ'איז דאָך עפּעס געווען אַ מענטש מיט לייטן גלייך! אָבער איז וואָס—וועל איך גיין באַגנבענען אַ קלויסטער, וואָס?

כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת—כ'האָב זיך שוין אַזוי צוגעווינט צו מיין דלות און צו מיינע קבצנות, אַז מיר האָט זיך שוין אויסגעדוכט, ס'דאַרף אַזוי זיין! ס'דאַרפן זיין אויף דער וועלט יידן גבירים, יידן סוחרים, יידן גבאים, יידן בעלי-דעות, און עס דאַרפן זיין יידן אַזעלכע ווי איך—וואָס קריכן אַרום דעם גאַנצן טאָג איבער די גאַסן, גלאָטשן מיט די אויגן און האַלטן אין איין זאָגן שבחים אויף פרעמדע בתולות. דאָס הייסט, אייגענע האָב איך אויך געהאַט און טאַקע שוין היבשינקע—מ'האָט זיי שוין געמאָגט ווייזן פאַר לייטן אויך. אָבער, אַז איך האָב קיין חתן ניט געקאָנט צופּאַסן פאַר פרעמדע בתולות מיט געלט, טאָ וואָס האָב איך שוין געקאָנט אויפטאָן מיט מיינע אייגענע, בעת—איר ווייסט דאָך מיינע עשירות!

פרעג איך אייך אדרבא: האָט עפּעס אַזאַ ייד ווי איך געהאַט וואָס מורא צו האָבן? מענטשן איז דאָך ניט שייך—וואָס קענען מיר מענטשן טאָן? אַ טויטן קען מען הרגענען? איז דאָך מער ניט דער רבונו-של-עולם—ביי אים אין האַנט זיינען מיר דאָך אַלע. אָבער ווידער דיזעלביקע מעשה: וואָס איז שייך מורא האָבן, בעת קיין געשעפטן האָב איך ניט געהאַט, געמסחרט האָב איך ניט, און ווען האָב איך געקאָנט אָפּנאַרן און ווען האָב איך געקאָנט באַגוולהן און מיט וואָס האָב איך געקאָנט זינדיגן? אמת, מ'קען זינדיקן אין דער מחשבה אויך און וואָס אמת איז אמת—ס'פּלעגט מיר טאַקע אָפּטמאָל איינפאַלן, אַז דער רבונו-של-עולם... גאָרניט, כ'האָב חלילה קיין טענות צו אים ניט געהאַט, נאָר איך פלעג אָפטמאָל גאָר אַ טראַכט טאָן: ער האָט אָן מיר פאַרגעסן, דער רבונו-של-עולם—אָן מיר און אָן מיין ווייב און אָן מיינע

קינדער! אַן עבירה איז דאָס, אָבער ניט קיין גוואַלד, און מסתמא וועט ער מיר מוחל זיין, ווי-זשע-דען?

איז מיר טאַקע אין דעם פּרט גאַנץ גוט געוועזן — פון קיין מורא האָב איך ניט געוואוסט, און האָט דאָס געמאָגט זיין שבת צי אלול, צי אין די ניין טעג, צי אין די צען טעג — און אַז עשרת-ימי-תשובה איז וואָס? ווייבאַלד כ'האָב ניט געזינדיגט — ניט איך און ניט מיין ווייב און ניט מיינע קינדער — קאָנען מיר דאָך רואיק שלאָפן און וואַרטן אויף אַ כתיבה וחתימה טובה נאָך היינטיקס יאָר אפילו...

הערט איר דאָך — היינטיקע וואָך, טאַקע נעכטן איז דאָס געוועזן, גייט צו צו מיר די ווייב און... נאָר איך וועל אייך דערציילן כסדר, וואָרים, אַז איר ווייסט שוין פון מיינע צרות, דאַרפט איר דאָך וויסן פון מיינע נחמות אויך, און — אייך וואָלט ווען איינפאַלן, למשל, אַז די ישועה וועט מיר קומען פון דער מלחמה? דאָס הייסט, אויף געוויס ווייס איך ניט, צו איז דאָס געקומען די ישועה פון דער מלחמה צי פון מיינע מיידלעך — איך פאַרשטיי עפּעס אַליין ניט, וואָס דאָ טוט זיך! דאָס הייסט, ווען ס'וואָלט געוועזן אפילו טויזנט מלחמות און כוואָלט קיין טעכטער ניט געהאַט — וואָלט איך געוויס געבליבן דערזעלביקער אביון און דערזעלביקער קבצן, וואָס געוועזן, וואָרים וואָס וואָלט מיר אַרויסגעקומען, אַז מען שלאָגט זיך אויף די פראָנטן, בשעת... פאַרקערט איז אויך דיזעלביקע מעשה: ווען איך האָב למשל, אַפילו שטוב מיט בתולות, דאָס הייסט, ס'איז מיר געגוג וויפל איך האָב, נאָר ס'רעדט זיך אַזוי, ווען איך האָב נאָך פינף מאָל אַזויפיל מיידלעך און ס'איז אויף דער וועלט קיין מלחמה ניטאָ — וואָלט דאָס מיר אויך געהאָלפן צו מיין אָרימקייט, ווי אַ טויטן באַנקעס. אָבער אַז דער אייבערשטער העלפט מיט ביידע זאַכן...

הערט איר דאָך, זינט מ'האָט אָנגעהויבן די מלחמה, ניט תיכף ווי זי האָט זיך אָנגעהייבן, נאָר אַזוי אַן ערך אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז ביי מיר אין שטוב באַלד געוואָרן... כ'ווייס עפּעס אַליין ניט ווי דאָס אָנצורופן, נאָר מ'איז בפירוש געוואָרן פריילעכער ביי

מיר אין שטוב! ערשטנס האָט ביי מיר כסדר געשפּילט אַ גראַמאָפאָן און מיינע מיידלעך—אין איין לאַכן האָבן זיי געהאַלטן! וואָס און ווען—פון וואַנען זאָל איך דאָס וויסן? נאָר גאָרניט, הלוואי זאָל מען לאַכן, וואָרים פריער האָט מען דאָך טאַקע קיין פרייע מינע אויף מיינע טעכטערס פּנימער ניט געזען. אָבער מ׳איז דאָך אַ מענטש מיט אַ שטיקל שכל, און מ׳איז עפּעס אַ טאַטע מיט אַ שטיקל קאָפּ—ווילט זיך וויסן, וואָס, ווען, פון וואַנען?.. אַז איך האָב פאָרט ניט פאַרשטאַנען, און עד-היום מיינט איר, פאַרשטיי איך, פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען ביי מיר אין שטוב אַ זאַטער איבערבייסן, אַ נשקשהדיקער אָנבייסן—אפילו וועטשערע האָט מען מיר אַלע טאָג געגעבן, און דער גראַמאָפאָן שפּילט און מיינע מיידלעך—אַ טשיקאַווע זאַך זאָג איך אייך: זיי האָבן אויסגעזען שטענדיק ווי אמתע מחותנתטעס!

האָב איך אַמאָל געפּרובט אַזוי פאַרבייגייענדיק אַ פרעג טאָן ביי דער ווייב. זאָג מיר אַקאָרשט, וואָס באַטייט דאָס, האַ? וואָס איז די שמחה און—פון וואַנען, האַ? פון וואַנען נעמט זיך דאָס, האַ?

אָבער אַ טאַטן אַן אָרימאַן ענטפערט מען עפּעס, מיינט איר? ס׳איז ניט דיין עסק!—האָט זי געזאָגט, און גאָרניט, און איך קוק און איך שווייג, אַ ברירה האָב איך?

ערשט נעכטן גייט צו מיר צו די ווייב און קרעכצט און זיפצט, און כ׳פרעג איר:

— וואָס איז דיר, האַ?

— וואָס זאָל מיר זיין—ס׳איז דאָך שבת-תשובה...

— ניט דעם ערשטן יאָר, גאָט-צו-דאַנקען! אונזערע עבירות די גרויסע!

— דו ווייסט דאָך פון קיין זאַך ניט...

— וואָס איז שוין עפּעס פאַר אַ סודות וואָס?

— מ׳עסט דאָך און מ׳טרינקט...

— טאַקע גאָטס חסד.

ר. קאַבלאַנאָוויטש

— אָבער... וואָס ווייסטו וואָס? דו ווייסט אַפנים פון וואַנען?
— און... טאַקע פון וואַנען!!!

אַ קיצור, שוין צוויי טעג ווי מיין ווייב גייט אַרום אַ פאַרוויינטע, ברעכט די הענט און טענהט: שבת־תשובה, שבת־תשובה... אפשר ווייסט איר... אַי, שלעכט!!!

קללות.

פע, אויף אזאַ מעשה האָב איך זיך שוין גאָר ניט געריכט! גאָר שילטן זיך! כ׳האָב פון אייביק אָן פיינט קללות, אַז איין גאָט זאָל שומר-ומציל זיין, און דער מענטש, וואָס שילט זיך — איז אין מיינע אויגן ממש קיין בן-אדם ניט געוועזן! וואָס? ווען? סתּם פּאַנאַ-דערגעלאָזן די מויל, און הפקר! ממה-נפשך: אויב אַ קללה קומט טאַקע אָן, דאַרף מען זיך דאָך פריער מיישב זיין! דאַרף מען דאָך הערן, וואָס מ׳רעדט! דאַרף מען דאָך וויסן, וואָס מ׳מיינט! אַ קונץ דאָס איז יענעם מכבד צו זיין מיט אַ קריינק, צי מיט אַ שוואַרצן יאָר, צי מיט אַ חושכדיקן מזל? נו, און טאָמער איז גאָר יענער ניט שולדיק? טאָמער איז גאָר די גאַנצע מעשה ניט געשטויגן און ניט געפלויגן? אַי, וואָס, אַ קללה איז גאָרנישט, אַ קללה קומט ניט אָן, טאָ צו וואָס מאַכט זיך דאָס אַ מענטש צום נאַרן?

און ביי מיר אין שטוב — כ׳מיין זיך ניט צו באַרימען, נאָר אַזוי איז פּאָרט די מעשה — קיין קללה האָט מען ביי מיר אין שטוב קיינמאָל ניט געהערט! מיך פּלעגט ניט אַרן, אַז די קינדער צושלאָגן זיך, אַז די קינדער רייסן אַראָפּ איינער דעם אַנדערן די נעזער, אַז די ווייב טרייבט אַלע טאָג אַרויס אַ נייע שפחה, אַז די שוויגער בורטשעט אויפן שווער... דאָס הייסט, קיין משונהדיקע הנאה האָב איך דערפון אויך ניט געהאַט: כ׳האָב האָלט בעסער, אַז ס׳איז רואיק, אַז מ׳לעבט בשלום, אַז מ׳באַרעט קיינעם ניט, אַז מ׳איז קיינעם ניט מקנא. אָבער איז וואָס — מאַלע וואָס איך האָב האָלט! קיין מלאכים זיינען ניטאָ, און ווייבער בלייבן ווייבער: מ׳רעדט וועגן יענעם און מ׳איז מקנא און מ׳זאָגט אַ שטעכ-ווערטל און אַ רכילות, און גאָרנישט: ס׳ווערט רעכט, אַז ס׳מוז

ווערן רעכט! וואָרום וואו זאָל זיך אַזאַ מענטש, ווי איך, בעהאַלטן: אויף דער לבנה? אויף די שטערן?

האָב איך טאַקע מיינע בני־בית מוחל געווען אַלע עבירות: טוט אייך וואָס ווילט! כ'מיין, כ'וועל שטעלן די וועלט אויפן אמת וואָס? איין זאַך נאָר האָב איך אויסגעפירט: קיין קללות האָט מען ביי מיר אין שטוב ניט געהערט. אמת, גאָר גרינג איז דאָס מיר ניט אָנגעקומען, וואָרום מיין שוויגער, דאַרפט איר וויסן, האָט אָפּגעשאָלטן אַ קימאַ־לן פון... אוודאי אַ יאָר פופציק האָט זי געשאָטן מיט קללות! ווער? וועמען? דאָס איז קיין קשיאַ ניט: זי האָט געשאָלטן דעם מאַן, געשאָלטן דעם מאַנס קרובים, געשאָלטן גלאַט קרובים, געשאָלטן שכנים, געשאָלטן מענטשן, געשאָלטן חיות— ס'איז רעכט געווען, אַז זי האָט געשאָלטן איר הון, וואָס האָט זיך אויפגעהערט צו לייגן. און אַז די מאַמע איז אַזאַ בריה איז דאָך מסתמא די טאָכטער אויך ניט פון די פאַרשלאָפענע, און דער שווער אַליין האָט אויך געקאָנט די מלאכה: אַז אַ ווייב האַלט אין איין שילטן—מוז מען דאָך עפּעס ענטפערן, און די ערשטע פאַר יאָר נאָך מיין חתונה האָב איך טאַקע געהאַט נאָר איין אַרבעט: מוסרן דעם שווער, מוסרן די שוויגער, מוסרן די ווייב ביז... איר מיינט, מיין מוסר האָט געהאָלפן? חס־ושלום: נאָר בשעת איך בין ביסלעכווייז געוואָרן דער פאַרדינער און דער בריה און דער מפרנס, און איין מאָל האָב איך זיך אַ קרים געטאָן, און אַ צווייטן מאָל האָב איך געזאָגט, און אַ דריטן מאָל האָב איך אָנגעשריען, האָט דאָס סוף־כל־סוף אַ נעם געטאָן, און פון דעמאָלט אָן בין איך פּטור געוואָרן כאָטש פון איין זאַך: קיין קללה האָט מען ביי מיר אין שטוב קיינמאָל ניט געהערט!

אָבער לאָזט זיך אויס, אַז קללות קענען אויפשטיין תחית־המתים: דאַכט זיך אַזוי שיין, אַזוי פיין געווען און מיט אַמאָל... די ערשטע האָט זיך פאַנאַנדערגעשאָקלט די שוויגער, און אויף איר קוקנדיק דער שווער און אויף זיי ביידן קוקנדיק—די ווייב, דערנאָך די קינדער, דערנאָך... אַ קיצור: וואָס געווען איז געווען—מ'האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין עסק! סטייטש, אַזוי פיל יאָרן געהיט שטאַט, און מיט אַמאָל: נאַ דיר אַ מתנה! כ'האָט אָנ־

געהויבן מוסרן, איך האָב אָנגעהויבן טענהן. איך האָב אָנגעהויבן שרייען — ווי ־ אין וואַנט אַריין. וואָרום קיין גרויסער פאַרדינער בין איך איצטער ניט, און מיין שוויגער וועט איר ניט אָפּנאַרן! האָט זי גאָר דערשמעקט, אַז איך בין געוואָרן אויס קאַפּעליוש=מאַכער... אַז זי הערט גאָרניט, וואָס איך רייד אַפילו! איך רייד, און זי טוט זיך אירס: זי שיט מיט קללות! און אויף איר קוקנדיק האָט שוין דער שווער אויך באַקומען העזה, און אויף זיי ביידן קוקנדיק האָט זיך די ווייב דערמאָנט אָן איר שורש, און די קינדער...

און ווייסט איר וועמען זיי שילטן? ניט קיין קרוב און ניט קיין גואל, ניט קיין בעקאַנטע און ניט קיין שכנים — מדינות גאַנצע שילטן זיי, גאַנצע מלוכות! אויף מיין שוויגער קענט איר זיך פאַרלאָזן — אַ ווערדע דאָס האָט ביי איר אַ מדינה! און מיין שווער קען אויך די מלאכה, און מיין ווייב — נעמט זי זיך אַ קלענערע מדינה, אָבער ליידיק זיצט זי ניט: זי טוט?

הערט איר דאָך, לכתחילה האָב איך גאָר ניט געוואוסט וואָס און ווען, וואָרום ס'איז מיר אַ גרויסע נפקא=מינה, צי זיי מיינען דעם, צי זיי מיינען יענעם, אַבי כ'קען דאָס ניט הערן, אַבי ס'הייבט מיך אין דער לופטן, אַבי כ'מוז אַנטלויפן וואו די אויגן טראָגן. ערשט איינמאָל רוקט זיך צו מיר פּלוצלונג צו דער שווער מיינער — קיין העזה פעלט אים שוין ניט, וואָרום פון מיינע פּרנסות קען שוין דער שטערן ביי אים ניט האַרט ווערן — און מאַכט צו מיר:

— נו, זאָג אַליין, אַדרבה: זאָג דו אַליין: דאַרף ער ניט איינגעמען די מיתה=משונה?

איר ווייסט דאָך שוין, ווי כ'האָב האָלט מיין שווער: אַ מאַנסביל, וואָס שילט זיך! איך קאָן ממש אין זיינע ד' אַמות ניט שטיין, און גערעדט האָב איך מיט אים ניט אפשר פון מיין חתונה אָן. נאַר, אַז יענער קריכט דיר אַריין אין פּנים און מאַכט מיט די הענט און שילט מיט אַזאַ כוונה און ווייס, אַז איך בין דאָס ניט סובל, האָב איך ביי אים אַ פרעג געטאָן:

— ווער? וואָכ? ווער זאָל דאָס איינגעמען אַ מיתה=משונה?

— און אַליין פאַרשטייסטו ניט?

— זאָגט שוין, אַ סוף זאָל נעמען!

— דער... טאַקע אונזער בעל־דבר מיין איך, ימח־שמו! דו ווייסט אַפּנים וועד ער איז? אַ מיתה משונה האָט ער געמאָגט קריגן איידער מיר האָבן אים דערקאָנט מיט זיין אָקופּאַציע!

די שוויגער האָט דאָס דערהערט—דאַכט זיך זי איז גאָר געשלאָפן הינטערן פּאַרעוואַן—זי איז דאָ! אויף מיין הן זאָג איך אייך, אַז זי איז נאָך אויפן לעבן צו מיר נאָענט ניט צוגעגאַנגען: זי ווייס, אַז איך האָב איר האָלט פון ווייטן. אָבער וויבאַלד, אַז דער שווער מאָג, מאָג זי אויך, און זי האָט דאָס אָנגעהויבן דערלאַנגען סחורה!

— און, ווי רופט מען אים... ענגלאַנד, שמייגלאַנד, דריינג־לאַנד—אים דאַרף ניט כאַפּן די... אַ כּפּרה זאָל ווערן ענגלאַנד—מער פאַרלאַנג איך פון גאָט קיין זאַך ניט! אַלע צרות נעמען זיך דאָך פון דעם שמענגלאַנד, איינגעבראָכן זאָל ער ווערן! אַז ס'קומט גאָר אויף אים קיין מפּלה ניט! גאָרנישט: שלאָגן זיך האָט זיך אים פאַרוואָלט! קאָפּ אָן דער וואַנט זאָל ער זיך שלאָגן, ריבונו־של־עולם! געגומען אַ וועלט און... אַ מפּלה זאָל אויף אים קומען!

און מיין ווייב האָט אַוועקגעוואָרפן דעם סאַמאָוואַר אין מיטן אָנשטעלן, און האָט זיך צושריען אויף אַלע כּלים:

— וואָס עפּעס ענגלאַנד אַליין? די גוטע קלאָג מאָג כאַפּן אַמעריקע אויך! וואָס איז זי נאָך געקומען זיך צושלעפּן? ס'וואָלט שוין אפשר לאַנג געווען אַ סוף צו די צרות... אַרויסשלעפּן זאָל מען זי! די וועלט איז איר ווייניג: דערוואָרגן זאָל זי דאָרטן ווערן מיט אירע גליקן צוזאַמען! געזען אַ ביסעלע!

איר ווייסט דאָך שוין ווי האָלט כ'האָב קללות: כ'טראָג דאָס ניט אַריבער און איך אַנטלויף אַלע מאָל וואו די אויגן טראָגן. אָבער ס'איז, מיינט איר, איצט פאַראַן וואוהין צו לויפן? ערשטנס איז מען אין ערגעץ קיין גאַסט ניט: ווער דאַרף דאָס איצט געסט? צווייטנס איז דאָרטן אויך דיזעלביקע מעשה: מ'שילט, אַז איין גאָט זאָל שומר ומציל זיין! וואו מ'גייט אַריין, און מיט וועמען

מ׳רעדט, און מיט ווען מ׳באַגעגנט זיך, הערט מען כסדר איין און דעמזעלביקן פּיזמון: „זאָל ער״...

— אַ בראָך צו אים!

— אַ פייער אין אים!

— די פיס וואָלט ער צובראָכן!

— פון אים זאָל דאָס ווערן, וואָס...

איז מיר עפּעס איצט גוט? וואו צו גיין איז ניטאָ—ווער דאַרף דאָס איצט געסט? די געשעפטן זיינען חרוב, און אין שטוב ביי מיר: מ׳שילט און מ׳שילט—פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין! כ׳זאָג ניט: גערעכט זיינען זיי—אַלע זיינען זיי גערעכט, וואָרים ס׳איז דען ניט קיין רציחה מיט דער מלחמה? אָבער ערשטנס קאָן איך בטבע ניט אַריבערטראָגן קיין קללות: כ׳האָב דאָס פיינט תכלית שנאה. צווייטנס, ווען כ׳ווייס כאָטש...

אַז ס׳וועט זיי אָנקומען...

אַ מציאה.

לייט זאָגן אפילו, אַז ס'זיינען קיין מציאות גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, און איך אַליין האָב אויך דערפון קיין מאָל ניט געהאַלטן, וואָרום — ניטאָ איצטיקע דורות קיין נאַראָנים!

נאָר היינטיקן ערב יום־כּיפּור... כ'מיין, וואָס איז שייך יאָ גלויבן, ניט גלויבן, אַז די מציאָה האָב איך שוין ביי זיך — קיינער וועט שוין ביי מיר די מציאה ניט ארויסכאַפּן! וואָס האָב איך געהאַנדלט, פרעגט איר? וואו האָב איך דאָס געמאַכט דעם מסחר? בפירוש, אַז אייך וועט גאָר קיינמאָל אין לעבן ניט איינפאַלן צו זוכן אַ מציאה אין אַזאַ אָרט! כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת: איך אַליין בין אויך אויף אַזאַ המצאה ניט איינגעפאַלן, נאָר גאָרנישט, אַז ס'קומט די גוטע שעה און דער אויבערשטער וויל צושיקן די אמתע מציאה — קומט דאָס!

הערט איך דאָך, די מעשה איז אַזוי געווען: היינטיקן ערב יום־כּיפּור — אַ שיינער פרימאָרגן געווען, אויב איר געדענקט — בין איך אויפגעשטאַנען... ס'האָט זיך מיר, מיינט איר, געוואָלט אויפשטיין? זאָלן מיר אַלע אַזוי וועלן זינדיקן, ווי מיר האָט זיך געוואָלט אַ ריר טאָן פון בעט! צו וואָס און צו ווען שטייט מען אויף? די גרויסע גליקן, וואָס וואַרטן אויף מיר? די גרויסע געריכטן, וואָס שטייען אָנגעגרייט? נאָר גאָרנישט, וויפיל קאָן מען ליגן — ס'הייבט דאָך אין דער לופטן! בין איך ערב יום־כּפּור אויפגעשטאַנען, אָפּגעדאַוונט, געקומען אַהיים, און... כאָטש נעם פאַרמאַך די לאָדן, לייען אָפּ קריאת־שמע און לייג זיך ווידער שלאָפן! אַז טאָן איז ניטאָ וואָס, און די גרויסע געריכטן... אָבער דאָ דערמאָן איך זיך, אַז — שאַ, ס'איז נאָך גאָר ניט אַזוי געפערליך!

עפּעס איז דאָך מיר פון נעכטן געבליבן קליינגעלט אין קעשענע, און כ׳וועל פּרובן אַרויס אין גאַס—אפשר...

אויף קיין מציאות האָב איך ניט געוואַרט—נאָר גאָרנישט: ערב יום־כּיפּור איז דאָס, און פון צמאָל איז מען געוויינט ביי מיר... קיין גביר בין איך טאַקע קיינמאָל ניט געוועזן, אָבער בעל־הבּתּיש האָט מען ביי מיר אַלעמאָל געלעבט, און ערב יום־כּיפּור פלעגט ביי מיר אַלעמאָל זיין אַביסל דאָס, אַביסל יענץ—ווי ביי אַלע יידן, וואָס הייסט! קלער איך מיר: אַ ביסל קליינגעלט איז דאָ אין קעשענע—דאַרף מען אַרויס אין גאַס: עפּעס וועל איך דאָך פּאָרט קריגן קויפן! אָבער איך גיי אַהער, כ׳גיי אַהין, איך גיי צו צו אַ יידן, איך גיי צו צו אַ יידענע; כ׳טאַפּ אַ חלהלע כ׳טאַפּ אַן עפּל, כ׳דינג אַ ציבעלע, כ׳פרעג דעם מקח פון אַ קעפּל, קרויט—ס׳טויג ניט! דאָס הייסט די סחורה טויג דווקא: גאַנץ נישקשהדיקע ציבע־לע, און די קרויט אויך גלאַטלעך, און די חלהלע... ניט אַזאַ מהודר דיקע: מ׳דאַרף אָנטאָן אפשר פינף פּאָר שפּאַקולן, מ׳זאָל איר דער־זען, מ׳זאָל גלויבן אַז זי איז דאָ... נאָר גאָרנישט—אַלע יידן קויפן־טאָ וואָס בין איך פּאַר אַ פּריץ? אָבער פאַרשטייט איר מיך, פּאַר מיין קליינגעלט... כ׳בין זיך מודה ומתוודה: מער ווי אַ האַלבן מאַרק האָב איך ניט געהאַט—און וואָס קויפט מען איצטיקע יאָרן פּאַר אַזאַ מטבע?! דאָס איז, פאַרשטייט איר מיך, ניט אַמאָליקע יאָרן, ווען מ׳פלעגט אַרויסגיין אין גאַס און... וואָס דאַרפט איר מער: איך אַליין בחורוויז פלעג אַרויסגיין אין ווילנע מיט אַ זעקסער—פלעג איך זיך קויפן פאַר אַ קאָפּיקע אַ שוואַרצן קוכן מיט מאָן, פאַר אַ גראָשן טיי, פאַר אַ גראָשן צוקער... קוים וואָס כ׳פלעג זיך אויפ־הייבן מיט דער קניה אויפן דריטן עטאַזש, און אין קעשענע פלעגט נאָך בלייבן קליינגעלט—אַ גראָשן רעשטע! היינט אָבער — כ׳האָב זיך ערב יום־כּיפּור אַרומגעדרייט איבערן מאַרק, אַריינגעקוקט אין די קראָמען—אַז פאַר אַ האַלבן מאַרק איז פּאָרט ניטאָ וואָס צו קויפן! נאַרישקייט—כ׳וועל דאָך ניט קויפן קיין האַלבן עפּל! דאָס הייסט, פון מיין צד וואָלט אפשר דווקא קיין מניעה ניט געוועזן, וואָרום ווער וויל דאָס ניט דערפרייען לכּבוד יום־טוב אַ ווייב, דערפרייען לכּבוד יום־טוב אַ קינד—ס׳איז דאָך עפּעס יום־כּיפּור אויף־

דער וועלט, און אין שטוב איז, ניט פאַר קיין יידן געדאַכט, פּוסט ווי אין אַ קלויסטער. אָבער גיי שטעל זיך אַנידער אויפן מיטן גאַס און הייב אָן דערציילן אַ פרעמדע יידענע אַ מעשה. אַז אַמאָל בין איך געווען אַ בעל־הבית מיט לייטן גלייך, אַז יום־טוב איז ביי מיר אין שטוב אַלעמאָל געווען אַ ביסל דאָס, אַ ביסל יענץ — אַ קיצור, גיי דערצייל אַ פרעמדער יידענע אַ מעשה, אַז היינט האָב איך אין קע־שענע ניט מער ווי אַ האַלבן מאַרק און גיי בעט זיך איין ביי איר, זי זאָל צוליב מיר שפּאַלטן אַ ציבעלע אויף העלפט!... ניט קיין עסק, ווי מיינט איר? האָב איך זיך אַזוי אַרומגעדרייט איבערן מאַרק אַ שעה און צוויי און דריי, און כ׳האָב זיך אָנגעקוקט אויף כל המינים פּירות, און כ׳האָב זיך אָנגעקוקט אויף כל המינים סחורות — צוזאַט אָנגעקוקט זיך, און בין מיר אַוועק מיט דעם ביסל קליינגעלט אַהיים. כ׳מיין, אַ ברירה האָב איך געהאַט? ס׳האָט מיר אפילו פאַרדראָסן די מעשה: פאַר געלט זאָל מען ניט קאָנען קריגן... איז יאָ אַ מציאה, איז ניט קיין מציאה, אָבער קליינגעלט איז שוין קיין געלט ניט, וואָס?

— גאָרנישט געבראַכט? — האָט מיך געפרעגט די ווייב.

— גאָרנישט.

— האָסט דאָך עפּעס געהאַט... דאָך געבליבן ביי דיר קליינגעלט פון נעכטן!

— קליינגעלט... ניטאָ וואָס צו קויפן... קיין גאַנצע זאַך קאָן מען ניט קויפן!

און געדוכט האָט זיך מיר בעת־מעשה, אַז כ׳וועל שוין אויסלעבן די יאָרן מיטן האַלבן מאַרק — אַז ס׳איז איצט גאָר קיין מטבע ניט! אָבער, אַז דער אייבערשטער וויל אַ מענטשן צושיקן אַ מציאה... הערט איר דאָך: ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך — ווער האָט שוין דאָס גאָר געטראַכט וועגן מאַכן מסחר? אָבער, אַז ס׳איז באַשערט אַ מציאה — איז קיין חכמות ניטאָ: ס׳איז רעכט, אַז מ׳פּאַקט די מציאה אין בית־מדרש. ווי איך בין אַ ייד, אין בית־מדרש! ווי אַזוי? גאָר פּשוט! איך קום אַריין אין בית־מדרש מנחה דאַווענען, כ׳זע — דער שמש שלאָגט מלקות!

— „וויפל קאָסט דאָס?"—האָב איך אים אַ פרעג געטאָן אויפן אויער.

— „אָט לייגט זיך—מיר וועלן דורכקומען"—האָט ער גע־ענטפערט.

— „אַ האַלבן מאַרק—מער האָב איך ניט".

— „לייגט זיך, אַ סוף"...

— אָבער אינגאַנצן... וויפל קומט דאָס אויס—דאַכט זיך ניין־און־דרייסיק שמיץ, האַ?...

— לייגט זיך, זאָגט מען דאָך אייך!

הקיצור, כ'האָב זיך אויסגעצויגן און...

ניין־און־דרייסיק האָט ער מיר געוויס אַריינגעשאָטן—כ'האָב געציילט! און דאַכט זיך מיר, אַז ער האָט מיר געגעבן אַ פּאָר איבעריקע—כ'וועל שווערן, אַז איבעריקע!... אַ וואוילער שמש—ער האָט זיך גאָרניט געדונגען, און אַ „קרעפּקער" יידל אַזאַ: יעדער שמיץ האָב איך געפילט... ער האָט טאַקע געגעבן ווי ס'דאַרף צו זיין, און אינגאַנצן האָט דאָס געקאָסט אַ האַלבן מאַרק... וועלוועלער ווי ציבעלע, ווי איר זעט מיך לעבן!

אַז ס'איז מיר באַשערט אַ מציאה...

קאָנצערט.

טש — טש — טש? יאָסציק! טש — טש — טש... יאָסציק! ברענגען זאָלסטו, לאַכודרע — אַ שריפה דיר אין האַרצן! געזעען, פאַרגאַווראָנעט זיך! אַ בייזער יאָר אין דיין טאַטן זאָל אַריינגיין, לאַכודרע דו איינער! אַרבעטסטו — דאַרף זיין געאַרבעט, און אַז ניט — איז מיטן קאָפּ אין דער ערד, פאַרשטייסט?! סעלטערסקע האָט זיך אים אין מיטן דערינען פאַרגלוסט, וואַראָנע דו נעסצאַסטנע! וואָס קוקסטו מיר אָן, יאָסקע די קו?! פאַרברענט זאָלסטו ווערן מיט דיין כלה אין איינעם! געצאַטעוועט אַ שררה מיט אַ זייגער... פון די הענט אַרויסגעגליטשט זיך! אַ פייער זאָל דיר אָנצינדן מיט דיין „ליובאָוו" איבאייגעם, יאָסקע די קו!!!

טש—טש—טש!!! גייסט מאַכן אַ שנאַפּס? קום אַריין אין טויער און גיס עריין אין „לאָמפּ" און גאַווראָנע ניט! דו גייסט יאָסציק? זע=זע, ווי ער האָט זיך דאָס צוגעכאַפּט צום פלעשיל! אַ מכה דיר אין האַלז, יאָסקע די קו — לאָז פאַר מיר אַביסל! הערסטו, יאָסציק... טרינק וואָס זשאַלעוועסטו? אַ קריינק דיר אין בויך מיט דיין כלה אין איינעם, טרינק—ס'איז דאָך קאָרענע... אַ גוטע גלעזל טיי, וואָס זאָגסטו? זע=זע אַ מויל געעפנט... די פלעשל גיב אַהער — איך וויל נאָך אויך אַ צי טאָן, קו! טש—טש—טש... זעה ס'אַראַ פאָר „קוקערס" ער האָט אויסגעשטעלט אויף אונז דער פאַרשוין—די נשמה פון אים, רבונו של=עולם! יאָסציק, זיי ניט קיין קאָקעטקע: קער איבער די פלעשיל און גיס אין לאָמפּ!...

הערסטו, יאָסקע קו, ס'איז... אַ פּאַפּיראָס האָסטו? ווייסט? אַ שאַרפער טרונק בראַנפן געוועזן! האָב קיין מורא ניט—כ,וועל דיר ניט דער'הרג'ענען! פון מיינעם אַ פּאַטש איבערן פלייצע וועט

פון דיר די נשמה ניט אַרויס... יאָסציק, וויפיל יאָר „אַרבעטן" מיר שוין צוזאַמען, האַ? פּאַסקודנע יאָרן איצט, אמת? אַי, יאָסציק, פאַרברענט זאָלסטו ווערן מיט דיין כלה אין איינעם: האָב איך דאָס אַמאָל געגעבן קאָנצערט! און איצט—מיטן קאָפּ אין דער ערד זאָל דאָס גיין! הערסטו? יאָסקע, דו הערסט? אַז איך דערמאָן זיך מיינע אַמאָליקע קאָנצערטן, ווילט זיך מיר... ס'כאַפּט מיך אַרום אַזאַ בראַנד און אַזאַ פייער און אַזאַ רציחה, אַז... ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן, אַז דיר וואָלט איך בעת־מעשה צוהרגעט ווי אַ חזיר און דיין כלה וואָלט איך אָפּגעביסן אַ פינגער און די סעל־טערסקע וואָלט איך דערלאַנגט אַ בריק מיטן פוס און אַ קוליע מיטן קאָפּ אַראָפּ און... יאָסקע די קו, וואָס איז פון מיר געוואָרן?!

אַ פייער האָט זיך טאַקע געמאָגט אַריינכאַפּן אין דיר און אין לייבקע דעם קאָט און אין פינקע די מויד און אין פייווקע די גרושה, וואָס מיר האָבן דערלעבט... ווייסטו וואו איך פלעג אַמאָל געבן קאָנצערט? דאָס פלעגסטו שטיין, לאַכודרע, אונטער אַ טויער און צאַטעווען אַ יאָלד מיט אַ זייגערל—אַ בייזע נאַכט אויף דיר מיט דיין כלה! איך, פאַרשטייסטו מיר, האָב שוין אַמאָל געטראָגן געלע שיך און גלאַנצנדיקע האַנטשן, און אַז מ'האָט געדאַרפט... לאַכודרע איינער... יאָסקע די קו, וואָס ביזטו מיר פאַר אַ קאַמע־ראַד?! מיינסט, איך האָב שוין אויף מיין לעבן קיין פראַנצויז ניט גערעט? מ ע ר ס י, לאַכודרע, אַ דונער זאָל דיר איינשלאָגן! מ ע ר ס י, יאָסקע די קו, פאַרדאָן—אַ פינסטערער שמיני־עצרת אויף דיין קאָפּ! איך רייד דאָך מיט דיר, ווי מיט אַ גלייכן, קעשעניק איינער, און אַז איך זאָג דיר: קאָנצערט—מסתמא איז דאָס גע־וועזן איינמאָל קאָנצערט!

איך מיט פינקע די מויד—אַ גוטער בעל־מלאכה געוועזן, אַ קויל זאָל אים טרעפן אין לינקן זייט—ביידע פלעגן מיר אָנטאָן די גלאַנציקע האַנטשן, פלעגן אַריינשטעקן די גראָבע ציגאַרן אין די מיילער, און אין קופּע... דו ווייסט, וואָס אַ קופּע איז, שמיי־סער יונג, אַ קרענק דיר אין לעבער! מיטן ערשטן קלאַס פלעגן מיר דאָך פאָרן, און האָבן מיר נאָר געפּאַקט אַ גראָבן פריץ מיט אַ גרויסן בויך צי אַ דאַמע מיט אַ רייזע טאַש—האָב איך אָנגע־

הויבן בלאָזן רויך פון איין זייט, פּינקע די מויד פון דער אַנדער זייט; דער גראָבער פּריץ הויבט אָן הוסטן, די דאַמע הויבט אָן ריידן פראַנצויז, איך זאָג „מערסי״, פּינקע כאַפּט אונטער „פּאַרדאָן״ און... איך שפּרינג אַראָפּ אויף איין סטאַנציע, פּינקע די מויד אויף דער אַנדער סטאַנציע... זאָלן מיר דאָס ביידע איצטער אייגענס האָבן, וואָס דעם פּריץ האָט דאַמאָלסט געפעלט אין בוזעם-קעשענע און וואָס דער דאַמע מיט די פראַנצויז האָט געפעלט אין רייזע-טאַש... כ'מיין, גיי דערצייל אַ קעשעניק... יאָסקע די קו, דו ביזט ניט קיין קעשעניק, וואָס? גיי דערצייל אַ קעשעניק, אַ שמייסער-יונג, אַ בראַנד דיר אין די ביינער אַריין, גיי דערצייל אים וואָס איז קאָנצערט!

און מיט פּייווקע די גרושה אין קאַטערינעסלאַוו — אָט דאָס איז געווען אַ שטיקל אַרבייט! איין דריי געטאָן זיך, איין קער געטאָן זיך, און ס'איז געוואָרן אַ העכט! ווייסטו וואָס די גרושה האָט אַמאָל אָפּגעטאָן אין קאַטערינעסלאַוו? קעשעניק, דו פאַר-שטייסט אַ פּנים, וואָס הייסט אַ רעכטע שטיקל אַרבייט? אַ פּוס זאָלסטו אויסברעכן הײנטיקע נאַכט, יאָסקע די קו! מיט ווּעמען איך טרינק דאָס לחיים אונטער אַ טוער! איך זאָג אים: קאָנצערט און ער קנאַקט דאָ מיר סעמעטשקעס!

יאָסקע, שוין מער גאָרניטאָ אין פּלעשל? ניטאָ? ליג אין דער אדמה מיט דיין כלה צוזאַמען! אָבער וואָס קאָנצערט איז פאַרשטייסטו שוין, שמייסער? פאַראַיאָרן נאָך, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן, אַז ניט זאָל איך דאָ אויף אָן אָרט געהרגעט ווערן — פאַראַיאָרן נאָך האָב איך מיט פּייווקע די גרושה אָן אַרבייט גע-טאָן, אַז ס'איז געווען „ישקני״... איך האָב אים פאַר די שטיקל אַרבייט דערנאָך אַ פּאַטש געטאָן אין דער פּאַטילניצע, אַז ער האָט זיך ביי מיר איבערגעדרייט אין דרייען און דערפאַר האָב איך אים אַ קוש געטאָן אין קאַמעזעלקע... כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת — שמייסערוק, דו הערסט וואָס מ'רעט צו דיר? כ'וועל דיר זאָגן דעם רעכטן אמת, אַז ניט איך, ניט די מויד, ניט די גרושה — עס אַרבייט זיך ניט יאָסקע די קו, דו פאַרשטייסט? וואָס קען מיר העלפן די גלאַנציקע האַנטשן מיט דעם פּאַרדאָן, אַז... מיטן קאָפּ

אין דער ערד זאָל דאָס גיין—וואו זיינען דאָס די יאָלדן מיט די פּעטע בּוזעס־קעשענעס און מיט די געשמאַקע רייזע־טאַשן?

איך מיט פּינקע די מויד האָבּן אַפילו פאַראַכטאָגן אָנגע־הויבּן אַ שטיקל קאָנצערט, אָבער זיי אַ בּריה, אַז... אַ מויז זאָל אים דערשטיקן—אַ פּאַסקודנער שררה דאָס איז! גייט איבּערן גאַס און בּלאָזט זיך און טאַפּט אַלע ווײַלע די בּוזעם־קעשענע—דוכט זיך אַ קונד, האַ? און אַז איך האָב אים אַרייַנגעלאָזן רויך פון איין זייט און פּינקע פון דער אַנדער זייט און מיר האָבּן אים צוגעק־וועטשט און צוגעדריקט און... אַ פייער זאָל אים פאַרבּרענען: ווייסט וואָס מיר האָבּן געפונען בּיי אים אין בּוזעם־קעשענע? אַ בּולבּע, ווי דו זעסט מיך שטיין אויף די פיס!

פאַרשטייסטו שוין שמייסערוק, פאַרוואָס איך שטיי מיט דיר אין טויער? זיי איצטער אַ בּריה און גיב קאָנצערטן,

בילדלעך.

(לכבוד יום-טוב)

שהחינו.

— א, ר׳ מאיר? גוט וואָס כ׳האָב אייך באַגעגנט, ר׳ מאיר: כ׳האָב אייך טאַקע געוואָלט עפּעס פרעגן.

— ס׳ווענדט זיך וואָס: אַ שאלה, צי אַ קשיא, צי אַן עצה? ניט אויף אַלץ, ר׳ זונדל, בין איך מומחה.

— כ׳ווייס אַליין ניט, ווי צו זאָגן. דאַכט זיך, אַז דאָס איז טאַקע אַ שאלה. אָט איר וועט הערן—דאַכט זיך, אַז אַ שאלה.

— קיין רב בין איך אפילו ניט, נאָר—מיר וועלן הערן.

— הערט איר דאָך: איך טראַכט אַלץ, ווי טוט מען היינטיגס יאָר מיט שהחינו, טראַכט איך.

— מיט וואָס?

— מיט שהחינו...

— איך פאַרשטיי ניט, וואו איז דאָ די שאלה!

— גאָר פשוט: ווי טוט מען היי־יאָר מיט דעם שהחינו?

— די זעלביגע זאַך ווי פאַר צען יאָרן: מ׳מאַכט אַ ברכה!

— איז היי־יאָר און פאַר צען יאָרן ביי אייך אַלץ איינס?

— זאָלט איר געזונט זיין, ר׳ זונדל: דאָס איז דאָך שוין ניט קיין שאלה—דאָס איז דאָך שוין גאָר אַ קשיא!

— און אַז אַ קשיא—טאָ וואָס קומט מיר דערפאַר?

— איז נאָך אַמאָל: פרעגט איר הייסט דאָס, צי איז היי־יאָר גלייך צו פאַר צען יאָרן? דאָס פרעגט איר?

— לכתחילה האָב איך געפרעגט וועגן שהחינו...

— האָב איך דאָך אַליין געענטפערט: מ׳מאַכט אַ ברכה!

— אַוודאי אַ ברכה! וואָס דען — מאַכן קידוש?

— אַז איר ווייסט — טאָ וואָס פרעגט איר?

— זאָלט איר טאַקע געזונט זיין, ר׳ מאיר: קאָנט איר דען גלייכן הייַנטיגן יאָר צו פּאַר צען יאָרן?! ס׳איז דאָך אַ מהלך־רבֿ! ס׳איז דאָך ווי פון טאָג צו נאַכט!

— אפילו פאַר הונדערט יאָרן האָט מען אויך געמאַכט דעמזעלביקן שהחינו: מענטשן בייטן זיך, אָבער די תורה און די מצוות בלייבן דיזעלביקע.

— וואָס בין איך — אַן ערל, צי אַ משומד, צי אַ גר... כ׳ווייס ניט, אַז מ׳דאַרף ראש־השנה מאַכן שהחינו, וואָס?

— נו, איז דאָך גוט! וועט איר טאַקע אם־ירצה־השם מאַכן שהחינו, און...

— שהחינו וועט מען מסתמא ווי כ׳איז מאַכן — מ׳איז דאָך אַ ייד. כ׳פרעג נאָר: אויף וואָס מאַכט מען היי־יאָר שהחינו?

— אַ גרויסע נפקא־מינה! קויפט אַ רעטעך, קויפט אַ בוריק, קויפט אַן אוגערקע, קויפט אַ ציבעלע, קויפט אַן עפּל, קויפט אַ... וואָס איר וועט כאַפּן איז גוט!

— און אויף וואָס רעכנט איר אַליין, ר׳ מאיר, צו מאַכן היי־יאָר שהחינו?

— איך? אָט... איך ווייס מיינט איר?

— אַן ערך?

— על־פּי־דין מאָג מען מאַכן שהחינו... ס׳איז רעכט אויף אַ קאַרטאָפל אויך!

אַן איי.

— ציפּינקע, קריינעלע, האַרצעלע, איר האָט אפשר באַגעגנט ערגעץ מיין שלימזול, האַ?

— אַייער שלימזול? וועמען מיינט איר דאָס, ברײַנע?

— איר קאָנט ניט מיין שלימזול? פּטור זאָל איך שוין ווערן פון אים, רבונו־של־עולם.

— אייער ירוחמען מיינט איר?

— אָט דאָס איז אַ שלימזול! אין זיין מאַמעס בויך האָט ער געדאַרפט אויסרינען! הלוואי וואָלט איך אים בעסער ניט גע־קאָנט, גאָטינקע!

— ברײנע, וואָס רעדט איר? פאַרגעסט זיך ניט, אַז ס'איז ערב ראש־השנה!

— אַי ציפּינקע, אַן אָקס האָט אַ לאַנגן צונג און קאָן ניט ריידן!

— וואָס פאָרט, ברײנע, האָט ביי אייך געטראָפן?

— טרעפן זאָל אים אַ קויל, רבונו־של־עולם!

ברײנע, פאַרגעסט ניט... ערב ראש־השנה — איר פאַרזינדיגט דאָך די יאָרן!

— ניטאָ וואָס צו זשאַלעווען, ציפּינקע, אַזעלכע חושכדיקע יאָרן: מיט אַזאַ שלימזול אָפּלעבן אַ לעבן — ווער ס'ווינשט אונז אַלע־מען בייז...

— איר זינדיגט, ברײנע: אייער ירוחם... אַזעלכע יידן זאָלן זיין אַ סך.

— געדיכט זאָל מען זיי זייען און שיטער זאָלן זיי וואַקסן!

— אַזאַ טייערער ייד: ער טשעפּעט דאָך אַ פליג ניט אויף דער וואַנט!

— טשעפּן זאָל זיך שוין צו אים פרעהס מכות, רבונו־של־עולם!

— וואָ האָט ער געטאָן — אַ קלויסטער באַגנבעט?

— געגנומען אין מיטן דערינען און... ער האָט זיך דאָך פאַרקילט, מיין שלימזול!

— פאַרקילט... אַ נאָווינע דאָס איז? ער וועט זיין געזונט — האָט קיין צער ניט!

— וואָס רעדט איר, ציפּינקע, ס'איז דאָך ערב־יום־טוב — ער איז דאָך אַ בעל־תפילה, מיין שלימזול! ער דאַרף דאָך מאָרגן דאַווענען מוסף, מיין שלימזול!

— שטאַרק פאַרקילט?

— הייזעריג ווי די וואַנט!

— טאָ וואו איז ער אַוועק? ער האָט גאָר געדאַרפט בעסער שוויצן. ווייסט איר גאָר ניט, וואו ער איז אַוועק?

— שוין פון נעכטן אָן—ניטאָ קיין מענטשן ווי אין וואַסער אריין!

— וואו איז ער געגאַנגען?

— האָט זיך איינגערעדט, דער שלימזל, אַז ער דאַרף אויסטרינקען אַן איי...

— נו?

— איר שפּילט זיך עפּעס איצט מיט אַן איי? זיין קעשענע איז דאָס?

— אָבער וואו איז ער געגאַנגען?

— פינסטער איז מיר מיין וועלט! ער איז אַוועק פאַר פּערצן מייל. זוכן אַן איי איז ער אַוועק... אַזש אין מאַליאַט...

מ ס ח ר.

— שלום־עליכם, ר' זרח!

— שלום־עליכם — עליכם־שלום!

— לייזט מען עפּעס געלט ר' זרח? ס'איז דאָך עפּעט איצטער אַייער סעזאָן!

— געלט? מ'טראַכט גאָר ניט וועגן אַזעלכע נאַרישקייטן!

— אַ חידוש־מעשה: ערב־ראש־השנה — ווען זאָל מען לייזן פאַר מחזורים, אויב ניט היינט?

— ס'איז אַלץ אַמאָל געוועזן! ניטאָ די יאָרן, ר' פייטל!

— יידן בלייבן יידן, וואָס איז שייך...

— אדרבה — האַנדלט טאַקע ביי מיר אַ מחזור!

— איך...

— ביי מיר זיינען אַלע גלייכע סוחרים. געבן אַ מחזור?

— לייזט איר טאַקע ניט קיין געלט? — אַ חידוש מעשה... ס'איז דאָך ערב־ראש־השנה — אַ מאָדנער חידוש!

— פאַראַיאָרן שוין אויך ניט געלייזט.
— מ׳קומט גאָר ניט פרעגן, דינגען?
— מ׳קומט זיך אָנשלאָגן מיט סחורה. מער ווי אַזעלכע סוחרים זעט מען אין די אויגן ניט.
— מיט וועלכער סחורה מיינט איר דאָס?
— טאַקע מיט מיין סחורה — מיט מחזורים. קומט נאָר אריין אַ ייד — ווייס איך שוין, אַז ער טראָגט אַ מחזור אונטער דער פּאָלע.
— ס׳הייבט דער מוח: ערב־ראש־השנה!...
— ס׳פעלט פרנסה ביי יידן — מ׳פאַרקויפט דאָס העמד פון זיך...
— אָבער מחזורים...
— מ׳טאָר קיינעם ניט משפטן: שווערע צייטן היינ־טיקע.
— ס׳איז נישט... ימים נוראים... יידן... סאיז נישט...
— אַזעלכע יידן, ווי ר׳ פייטל, זיינען קיין סך ניטאָ: ניט אַלע זיינען זיך מוסר־נפש צוליב. אַ מצווה.
— כ׳מיין... ר׳ פייטל איז שוין אויך ניט מער וואָס אַמאָל... שוין ניט דער ר׳ פייטל...
— היינט טאָר מען פון אַ יידן קיין סך ניט פאַרלאַנגען... איז וואָס, ווייזן אייך אַ מחזור, ר׳ פייטל?
— אַ מחזור... זיינען ניטאָ, זאָגט איר, איצט קיין קונים אויף מחזורים?
— קונים? חס־ושלום! יעדערער קומט מיט אַ מחזור: מ׳וויל פאַרקויפן...
— נו, און איר קויפט אָפּ אַמאָל? ס׳טרעפט, אַז איר קויפט אָפּ אויך?
— כ׳מיין, אַנטקעגן וואָס פרעגט איר דאָס?
— גאָרנישט, אַזוי זיך... כ׳האָב אויך אַ מחזור... נאָך גאָר אַ נייער מחזור...

תשליך.

— אַז איך דערמאָן זיך אָן דעם ראש־השנה—ווערט מיר..
— ראש־השנה איז ניט קיין בער—וואָס האָסטו מורא!
— מורא גאָר? ווער שמועסט וועגן מורא?!
— טאָ וואָס ביסטו אַזוי צוטראָגן?
— גאָרנישט, נאָר ס׳פאַרדריסט זיך...
— וואָס פאַרדריסט דיר? רייד ווערטער!
— מ׳איז געוויינט צו גיין צום תשליך... אַלע יאָר פלעג איך גיין.
— נו, און היי־יאָר לאָזט מען דיך ניט?
— מ׳לאָזט יאָ, צי מ׳לאָזט ניט — אַבי כ׳וועל צום תשליך ניט גיין!
— עפּעס ניט געזונט?
— ניין, דווקא געזונט. וואָס עפּעס ניט געזונט?
— ווערסטו דאָך קאָנען הולכן!
— מאַלע וואָס כ׳וועל קאָנען, אַבי כ׳וועל ניט גיין!
— אַז מ׳האָט קיין עבירות ניט—קאָן מען זיצן אין שטוב, פאַרוואָס ניט?
— וואָלט אַזוי געווען מזומנים, ווי ס׳איז דא עבירות...
— ווערסטו זיך טאַקע מטריח צום תשליך!
— אַז איך זאָג דיר—איך וועל ניט גיין!
— דער גוטער יאָר ווייס דיר מיט דיינע סודות! איך ווייס נאָר, טז מ׳וויל טאַקע אויף אַן אמת גיין צום תשליך—גייט מען!
— זאָג דאָס ניט... אָט וויל איך גיין, און... עס גייט זיך ניט!
— אפשר קאָנסטו דאָס מיר געבן צו פאַרשטיין?
— גאָר פשוט... מ׳דאַרף דאָך טרייסלען, דו פאַרשטייטט?
— וואָס טרייסלען?
— דו ווייסט ניט? די עבירות!
— נו, איז אום וואָס גייט דאָס? ווערסטו טרייסלען! ביסט חולה, וואָס?

— פון וואָס זאָל איך טרייסלען — פון אַרבעל?
— פאַרוואָס עפּעס פון אַרבעל? טרייסל פון די קעשענעס!
— דאַרף מען זיי דאָך פריהער האָבן!
— וואו זיינען דיינע קעשענעס?
— מיינע קעשענעס?
— יאָ.
— אַז איך האָב ניט קיין הויזן!

קאַמערציע.

איר וועט אוודאי לאַכן פון מיר — אַז מדאַרף טאַקי לאַכן! נאָר ס׳מאַכט ניט אויס — כ׳האַלט זיך ביי מייניגע: דער בעסטער געשעפט איז איצט—רבנות!

ס׳איז דאָך פוסטע דיבורים — קיין רב וועל איך שוין ניט ווערן, וואָרום אפילו אין דער יוגנט בין איך געוועזן אַ קליינער למדן און ווי קום איך צו רבנות! נאָר וואָס האָט דאָס איינס צו דאָס אַנדערע? קיין גובערנאַטאָר וועל איך שוין מסתמא אויך ניט ווערן, און פונדעסטוועגן—איז דאָס דען אַ שלעכטע קאָמערציע.

איר זאָגט: קאָמערציע... הערט איר? כ׳האָב דאָך שוין עפּעס אָפּגעלעבט אַ שיין ביסל יאָרן אויף דער וועלט, און וואָס איז ניט געוועזן מיין האַנט? כ׳האָב שוין געהאַנדלט אויף מיין לעבן מיט וואַטע, און מיט קראַגענס, און מיט ווייבערשע זאָקן, און מיט גערשטענע גרויפּן, און מיט ניי־מאַשינען, און מיט שעפּסענע פעלכלעך, און מיט האַרטע אַגרעסן, און מיט פויערשע לייווענט און מיט האָלענדער קעז, און מיט פּראָטעסטירטע וועקסלען, און מיט אַלטע גראַמאָפאָנען, און מיט געניצטע מחזורים... וואָס דאַרפט איר מער—כ׳האָב שוין אפילו אַמאָל ימים־נוראים געדאַוונט אַ מוסף ביי אַ ישוב׳ניק אויך און האָב חתונה געמאַכט אַן אַלטע בתולה מיט אַ יונגן אַלמן.

איר הערט דאָך — כ׳האָב זיך אויף מיין לעבן פון קיין שום געשעפט ניט אָפּגעזאָגט, און — אַמאָל איז צוגעקומען אַ פינף־און־צוואַנציגער, אַמאָל איז אָפּגעקומען און כ׳האָב געלעבט גאָט צו דאַנקען מיט אַ ווייב און מיט קינדער, און—כ׳האָב שוין אפילו אַ שפחה אויך אויף מיין לעבן געהאַלטן. אָבער איצט—איר האָט ווען געהערט אַ מסחר מיט מ אַ ר ק ן?

דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך פון אָנהויב אָן ניט געהאַלטן פון דעם געשעפט, וואָרים ממה־נפשך: איז דאָס טאַקע אמתע געלט—טאָ וואָס איז שייך צו בייטן אַ מטבע אויף אַ מטבע? איז דאָס סחורה—דאַרף מען דאָך האָבן מבינות! און פאַרשטאַנען האָב איך אין מ אַ ר ק ן ווי אַ גאָראָדאָוואָי אין רש״י אותיות! און וואָס איז דער חידוש? אַ לעבן, אַ גאַנצן לעבן, קאָן מען זאָגן, האָב איך נאָר געזען און געהערט: אַ רובל, אַ דרייערל, אַ פינף־און־צוואַנ־ציקער, אַ הונדערטער, און צי איך האָב יאָ געהאַט, צי איך האָב ניט געהאַט—אַ חשבון אָבער האָב איך דאָך געוואוסט! און מיט אַמאָל—מאַרקן, אַ קאָמערציע מיט מאַרקן!

מיינט איר, אַז איך אַליין וואָלט זיך דאָס געדוקט אין אַזעלכע מסחרים! קיין מאָל אין לעבן ניט! איך האָב פיינט אַזוינע געשעפטן! קויף איך עפּעס—דאַרף איך וויסן וואָס איך קויף — כ׳האָב פיינט—סתם צו האַנדלען, און צו שווינדלען, און צו דרייען, און ניט וויסן וואו איך בין אין דער וועלט! האָב איך טאַקע בע־סער געקויפט אַ פּוד זייף, און כ׳האָב פאַרדינט אַ קלייניקייט, כ׳האָב געקויפט אַ קאַסטן שוועבעלעך און האָב דערלייגט... טאַקע אַ היבש ביסל דערלייגט, אָבער איז וואָס? מסחר איז מסחר: אַמאָל פאַר־דינט מען, אַמאָל באַקט מען צו, און סוף־כל־סוף—די באָבעס ירושה לייגט מען ניט צו...

אָבער, האָט מיין ווייב אָנגעהויבן דערציילן מיר מעשיות, אַז איר ברודער איז נתעשר געוואָרן, אַז איר שוואָגער איז גליק־לעך געוואָרן, אַז איר פעטער איז דערהויבן געוואָרן, אַז איר עלטער־פעטער איז... ממש אַלע שיטן זיך אָן מיט געלט! האָב איך איר אַמאָל יאָ געגלויבט, אַמאָל ניט געגלויבט—כ׳האָב בטבע פיינט „גליקן“, און האָב דערווייל געקויפט נאָך אַ פּודל זייף און האָב פאַרדינט אַ קלייניקייט, און נאָך אַ קאַסטן שוועבעלעך און צוגע־לייגט אַ קלייניקייט—אַ ייד דאַרף האַנדלען, ווי זשע דען? אָבער אַז אַ ווייב הויבט אָן ריידן און דערציילן און מקנא זיין, האָב איך יאָ געוואָלט און האָב ניט געוואָלט און—טאַקע מיט דעם ווייבס שוואָ־גער גופא האָב איך דאָס געמאַכט דעם מסחר: איך האָב אים אויס־

געטרייסלט גאָר מײַנע רובלס פון קעשענע און ער מיר — גאָר זײַנע מאַרקן.

איז לכתחילה האָב איך גאָרניט געוואוסט אויף וואָסער וועלט איך בין — כ'האָב נאָר געטאַפּט בײַם בוזעם, צי איך האָב די סחורה; אָבער צי האָב איך געמאַכט אַ גוטען געשעפט, צי אַ שלעכטן געשעפט — פון וואַנען זאָל איך דאָס וויסן? ווען זיר ווײַזט מיר אַ בײַמאַשין, צי איר ווײַזט מיר האָלענדער קעז, צי איר ווײַזט מיר שפּאַסענע פּעלכלעך — אַ מענטש איז דאָך קיין מלאך ניט און מ'קאָן אַמאָל ניט טרעפן אין אַ קלייניקייט, אָבער כ'ווייס דאָך וואָס דאָס איז ווערט! כ'ווייס, וואָס מ'האָט דערפאַר געצאָלט פאַר אַ יאָרן און וואָס מען האָט דערפאַר גענומען פאַר צוויי־יאָרן און וואָס מען באָט דערפאַר הײַנט. אָבער דעם פּעקל סחורה, וואָס כ'האָב געקויפט בײַ מײַן ווײַבס שוואָגער... אַז כ'ווייס גאָר אפילו ניט, צי איז דאָס גאָר אַ סחורה!

נאָר גאָרנישט — געקויפט איז געקויפט און האַנדלשאַפט איז ניט בּרידערשאַפט! האָב איך געטאַפּט דעם בוזעם און געפּרובט שאַצן: וויפיל פאַרמאָג איך? נאָר שאַץ הײַנט, שאַץ מאָרגן — אַז איך האָב פאַרט אין דעם קיין מבינות ניט! ס'איז בײַ מיר רעכט געווען, אַז כ'פאַרמאָג תרפ"ט אלפים און ס'איז בײַ מיר רעכט געווען, אַז איך בין אַן אביון, אַ מחוסר לחם. נאַרישקייט — אַז איך ווייס ניט!

און מיט אַמאָל — ס'איז געפאַלן! וואָס געפאַלן, ווען געפאַלן?... איך בין דאָך אַ פּראָסטער חי־וקים — אַז איך ווייס ניט שווײַג איך און איך האָרך און איך פרעג זיך נאָך און... סתם געפאַלן! וואָס געפאַלן? ווען געפאַלן? מײַן ווײַב אָבער איז מלא שמחה און זי קוקט מיר אַלץ אין די אויגן און בערימט זיך:

— אַהאַ, כ'האָב געזאָגט:...

כ'וועל אײַך זאָגן דעם אמת, אַז בעת־מעשה... אַז ס'איז פאַר מיר פאַרט אַ בלינדער עסק! האָב איך טאַקע בעת־מעשה געמיינט, אַז... מ'דאַרף דען האָבן חכמות? ס'טרעפט דאָך אַז מען געווינט און מ'געפינט — אַ קיצור: אַ מציאה, אַן אוצר, אַ גליק, ס'טרעפט דאָך! און דאָ לויפט גאָר פּלוצלונג אַרײַן צו מיר אין שטוב מײַן שוואָ־

גער—אַ פּאַרסאָפּעטער, אַ פּאַרשוויצטער און ער רעדט און ער שטאַמלט און... ער האָט זיך אַפילו אַביסל נעשעמט, אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָט געזאָגט:

— ירוחם, מיר זיינען אַפילו אייגענע מענטשן, אָבער פאַרשטייסטו מיר, ס'איז געפאַלן! און דו מוזט מיר ענטפערן צו אַ דין־תורה...

איר מאָגט מיר גלויבן, אַז ווען די ווייב זיצט ניט דערביי, וואָלט איך זיך מיט אים גאָר אָפּגעביטן: נאַ דיר אַוועק דיינע מאַרקן און גיב מיר מיינע רובלס... אַז איך דאַרף קיין גליקן ניט! אַז איך טאַפּ אין דער פינסטער! אָבער די ווייב — וואָס הייסט? זי וואָלט מיר אויפגעגעסן אַ לעבעדיקן! מילא אַ דין־תורה—זאָל זיין אַ דין־תורה! און מיר זיינען אַוועק צום רב און... גע'טע'נעט האָט מיין שוואָגער, אַז עפּעס איז געפאַלן אַז עפּעס איז געשטיגן, אַז... איך האָב געשוויגן, וואָרום, וואָס זאָל איך זיך לייקענען: אַז כ'ווייס ניט מיינע גליקן! אַז כ'ווייס ניט ווי בעסער איז! אַז ס'פאַלט, זאָגט ער, איז גוט פאַר מיר, אַז כ'ווייס ניט! האָט ער אָפּגע'טענ'עט און—עטלעכע מאַרק האָב איך אומגעקערט מיין שוואָגער און עטלעכע מאַרק באַצאָלט פּסק־געלט דעם רב...

דוכט זיך גוט, האַ? אָפּגעפּטרט. האָט זיך מיין ווייב פאַרוואָלט נאָך—פאַראַן אַ שיעור אין געלט, וואָס? האָב איך געמאַכט עפּעס אַ שטיקל מסחר מיט דעם ווייבס אַ פעטער — אַן אָרנטליכער מאַן ביז גאָר, און כ'האָב ווידער געטאַפּט די בוזעם־קעשענע און... כ'ווייס דען? ס'קאָן זיין, אַז איך בין אין דער אמתן טאַקע אַ שטאַרקער נגיד געוואָרן! — אָבער פּלוצלונג, מיט איין מאָל איז געשטיגן און... איך אַליין האָב אַפילו ניט געוואוסט, וואָס איך דאַרף טאָן; אָבער די ווייב שרייט: צו אַ דין־תורה רוף אים דעם פעטער! זאָל זיין אַ דין־תורה—כ'ווייס דען וואָס איז בעסער?

גע'טענ'עט האָט מיין פעטער און איך האָב באַצאָלט פּסק־געלט. ווי דען־זשע? צי האָב איך עפּעס פאַרדינט פון מיינע מסחרים? דוכט זיך, אַז ניט, און מיין פעטער אויך ניט און מיין שוואָגער אויך ניט... ווער־זשע דען האָט דערפון עפּעס פועל געווען? סיידן דער רב...

בילדער.

דער מזומן.

— אַ שיינע מעשה, ווי איך בין אַ ייד!

— וואָס איז שוין ווידער פאַר אַ נייס?

— אַי אַ מעשה—מ׳קען פּלאַצן פון געלעכטער, ווי איך בין אַ ייד!

— לאָמיר שוין עפּעס הערן—כ׳וועל אויך לאַכן!

— דו קאָנסט דאָך מסתמא דעם מזומן... די דריי יידלעך אין די פוטערלעך...

— וואָס דרייען זיך ארום אויף דער בירזשע?

— יאָ נו, מ׳רופט דאָך זיי אין שטאָט: „דער מזומן".

— איז וואָס?

— איז גאָרנישט—זיי האָבן צו דער מלחמה ניט צוגעלייגט.

— דאַרפן זיי דאָך לאַכן—וואָס ביסטו פאַר אַ בעל־שמחה?

— זיי האָבן שוין געלאַכט גענוג—אַי האָבן זיי געלאַכט פון דער וועלט! אָבער אַ סברה אַז—סטאָפּ מאַשינאַ! ס׳לאַכט זיך זיי שוין מער ניט!

— זייער שאָדן אויף אונז ביידן געזאָגט געוואָרן: מען זאָגט אַז זיי האָבן געמאַכט די גראָבע מטבע!

— געמאַכט האָבן זיי—דאָס איז שוין איינמאָל אַ מזומן!

— האָבן זיי, הייסט דאָס, יאָ געמאַכט, טאָ וואָס איז פון זיי דער געלעכטער?

— וואָס רעדסטו—כ׳האָב זיך הײנט דעם גאַנצן פרימאָרגן געהאַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק!

— זאָגסט דאָך אַליין, אַז זיי האָבן געמאַכט די מטבע!
— ס׳איז אָבער קיין פּעולה ניט, אַבי היינט... אַי ברודער, ליגן זיי דאָס איצטער אין ראָסל!
— רעדסט ווי אַ יינגל: אַז מ׳האָט געלט...
— וואָס געלט? ווען געלט? געלט איז קיילעכדיק, פּאַר־שטייסט?
— איך ווייס נאָר, אַז געלט... האָט מען נאָר די מטבע—לאַכט מען פון דער גאַנצער וועלט, וואָס האָבן זיי מורא, וואָס?
— אַז דו בינסט אַ מלמד—טאָ וואָס איז פאַראַן מיט דיר צו ריידן? זיי זיינען דאָך אויס קאַפּעליוש־מאַכער!
— מ׳האָט זיי באַגנבעט, באַגזלט?
— געטראָפן דעם אָרט—ביי אָט דער שיינער חברה וועט מען גנבענען!
— האָבן זיי דאָך פּאָרט מטבע!
— עגמת־נפש האָבן זיי! צרות האָבן זיי! קריינק האָבן זיי!
— טאָ וואו זיינען זייערע גליקן, וואו? אַז דער מזומן זאָל שוין קיין געלט ניט האָבן—איז שוין די וועלט קיין וועלט ניט!
— געלט האָבן זיי נאָך—די כאָלערע כאַפּט זיי ניט.
— לאַכן זיי דאָך פון אונז!
— אַ לעצטן מאָל וועלן זיי שוין לאַכן!
— און דאָס געלט? און די גראָבע מטבע?
— זיי גיבן אַוועק, ברודער, אוי גיבן זיי אַוועק!
— וועמען? וואָס האָסטו זיך איינגערעדט?
— פון וואַנען קומסטו, פון דער לבנה? דו ווייסט פון קיין זאַך ניט משמעות, האַ?
— אַז איך ווייס ניט וואָס דו מיינסט.
— מ׳רעדט דאָך וועגן שלום, רעדט מען דאָך!
— הלוואַי רבונו־של־עולם. איז וואָס האָט דאָס צום מזומן?
— אַ פיינע מעשה, ווי איך בין אַ ייד! אין שלום־צייטן האָבן זיי עפּעס געטויגט, וואָס? אויף כפּרות, ווי איך בין אַ ייד! נאָר אַז ס׳איז געקומען די מלחמה...
— וואָס האָבן זיי געטאָן מיט דער מלחמה?
— זיי האָבן געשפּונען ציצית—וואָס זאָלן זיי טאָן?

— חכמות... רייד ווי אַ מענטש!

— אַ קיצור, כ'בין היינט שיר ניט געשטאָרבן פון געלעכטער!

— וואָס איז?

— כ'קום אַריין צו איינעם פון זיי, טאַקע פון דעם שיינעם מזומן — ער ליגט אונטערן בעט און שלעפּט די פּעקלעך מיט גרויפּן, און קרעכצט נעבאַך אַז... כ'האָב געמיינט כ'פּלאַץ פון געלעכטער!

— אונטערן בעט גרויפּן?!

— פאַרשטייסטו מיך — פריער האָט ער געשלעפּט די פּעקלעך אין שטוב אַריין... געשמוכלט פאַרשטייסט? און היינט — ס'פאַלן די מקחים — איז ער זיך מטריח און שלעפּט צוריק! אין דער ערד ליגט ער מיט זיינע גרויפּן! און אַז כ'גיי אַריין צו אַ צווייטן פון מזומן — אויך אונטערן בעט, ווי איך בין אַ ייד!

— ווידער גרויפּן?

— טאַקע ניט געטראָפן!

— וואָס דען איז דאָרטן?

— אַ סברה, אַז טיי איז אויך אַ מסחר, פאַרשטייסט?

— אונטערן בעט...

— ס'איז אומעטום פול געווען — שרעק זיך ניט!

— טאָ וואָס שלעפּט ער צוריק?

— מלמד, ס'איז דאָך באַלד שלום!

— און דער דריטער — ער האָט קיין בעט ניט, וואָס? כ'קום אַריין — ווי גרויס ער איז ליגט ער אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע, און שלעפּט קלייניטשקע פּעקעלעך און גרעסערע, פון פּעקעלעך זויער-זאַלץ האָט מען אויך געמאַכט מאַרקן מיט באָנעס מיט רובלס, אַי איז דאָס אַ באַנדע!

— ס'איז, דאַכט זיך, גאָר דער מין סחורה ביי אונז ניט ניט געווען — ווער האָט דאָס געזען אין אַן אויג?

— אָט דאָס איז דאָך די מעשה! ס'איז אַלץ געלעגן ביים מזומן אונטער די בעטן!

— האָבן זיי דאָך אַ סך סחורה — טאָ וואָס איז דער גע־לעכטער?

— עגמת־נפש האָבן זיי!

— פאַרוואָס?

— מלמד, מ׳שמועסט דאָך וועגן שלום!!!

ש ל ו ם.

— אַ מענטש גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג און בלאָזט זיך! וואָס? ווען? גאָרנישט, אַבי ער בלאָזט זיך!

— ניש שלעכט, אויף מיינע נאמנות!

— וואָס, ניט אמת אפשר? וואָס בלאָזטו זיך, וואָס?

— פיין־פיין! הייסט דאָס, אַז דו ביסט נאָך גערעכט, האַ?

— וואָס האָב איך דאָ אַזוי געטאָן, וואָס?

— אָט שווייג שוין בעסער, שווייג!

— זאָל איך אַזוי קיין צער ניט האָבן, ווי איך ווייס ניט, וואָס דו רעדסט!

— כ׳קאָן דיך... שוין ניט דעם ערשטן מאָל!.

— אויפגעשטאַנען מסתמא אויף דער לינקער זייט — קיין אַנדער סברא ניט!

— אַלע מאָל ביי איר אַזוי—כאַפּ־לאַפּ און...

— צו מיינע שונאימשע קעפּ... אַנטקעגן וואָס זאָגסטו דאָס?

— אַנטקעגן וואָס זאָג איך דאָס? איך האָב שוין גוט גע־זען, נשקשה...

— וואָס האָסטו געזעען, וואָס?

—כאַפּ־לאַפּ, כאַפּ־לאַפּ! אַי וואָס, מאָרגן איז אויך אַ טאָג, אַי, וואָס נאָך שבת וועט מען אויך וועלן עסן—דאָס איז ניט איר דאגה.

— משוגע צי חסר־דעה! וואָס רעדסטו! וואָס האָסטו געזעען!

— דעם זעקל בולבעס... אַ תל האָסטו דאָך געמאַכט פון אים?

— וואָס איז באַשערט מיר און מיינע קינדער און אַלע מיינע גוטע פריינד... טפו זאָלסטו ווערן!

— כ׳מיין, דיך אַרט עפּעס, וואָס? דו קימערסט זיך וועגן עפּעס, וואָס! כאַפּ־לאַפּ, כאַפּ־לאַפּ און...

— כאַפּן זאָלסטו שוין... כ׳וויל פון מיין מויל ניט אַרויס־ריידן—דאָס איז אַ ייד!

— ווער דאַרף דרייען מיטן מוח? איך! ווער דאַרף אָנלייגן מיטן קאָפּ?—איך! כ׳מיין, די ווייבער ווייסן עפּעס פון צרות, וואָס?

— אַ נייע מאַדאַם געפונען! אַ נייע פּריצטע געפונען! איי־בער קאָן מיינען טאַקע, אַז איך זיץ ביי אים און האַלט אַלץ אין איין אויסטראַכטן נייע געריכטן!

— וואָס איז די נפקא־מינה, אַבי... כ׳האָב היינט אַ קוק געטאָן אויפן זעקל—פינסטער אין די אויגן איז מיר געוואָרן!

— בין איך שולדיג?

— ווער־זשע־דען—איך בין שולדיג?

— דאַכט זיך... דו האָסט זיך גאָר פאַרגעסן?

— פאַרגעסן! פאַרשמעסן! ס׳איז דאָך מיר פינסטער אין די אויגן געוואָרן!

— אָט דאָס איז אַ קורח! אָט דאָס איז אַ המן!

— כ׳טו היינט אינדערפרי אַ קוק אויפן זעקל—ס׳איז דאָך אַפילו אויף אַ רפואה אַ קאַרטאָפל ניט געבליבן!

— דו האָסט דאָך אַליין געהייסן!

— געהייסן! געהייסן! אַ יידענע דאַרף אַליין אויך שכל האָבן!

— וואָס ווייס איך, וואָס? איך ווייס עפּעס וואָס? איך גיי דאָך פון שטוב ניט אַרויס!

— אַ יידענע מאָג ויסן, אַז אין זעקל וואַקסט ניט, אַז...

— אָט דאָס איז אַ משומד! אַליין קומט ער נעכטן צולויפן פון גאַס אַ פאַרשוויצטער און מאַכט אַ טומל און... געדענקסט ניט, ס׳אַראַ טומל דו האָסט געמאַכט? ער רעדט נאָך, דער שלימזל! אַליין קומט ער צולויפן דער

שלימזל און צושרייט זיך: שאָבו! רייבו! קאָך! שאָבן זאָל מען דיך שוין...

— זע־זע נאָר אויף איר — זי איז נאָך געריכט! אַז איך טו אַ קוק אויפן זעקל, פאַלט מיר אַיין די דמים, און זי — זי איז נאָך געריכט!

— דו האָסט דאָך אַליין געהייסן, האָסטו דאָך!

— זע ס׳אַרצ צדיקות זי איז דאָס געוואָרן! אַלע מאָל, אַז איך זאָג טאָג — זאָגט זי נאַכט, און דווקא ווי ס׳איז געקומען צו די בולבעס...

— אָט דאָס איז אַ שלימזול! אָט דאָס איז אַ שלאַק! וואַל־גערט זיך גאַנצע טעג אויף דער גאַס און ווייס ביט, וואָס ס׳טוט זיך אויף דער וועלט!

— הייסט דאָס, ביסטו די חכמה, האַ?

— קליגער פון דיר — די גוטע יאָר זאָל איך האָבן.

— קוק זיך בעסער אַיין אויפן זעקל, קוק זיך אַיין!

— אַז דאָס האַרץ האָט מיר גלייך געזאָגט... רייבו! שאָבו! קאָך! אַ גדולה אויף אים געוואָרן!

— מיט דיר איז דאָך אַלע מאָל אַזוי! שטענדיק זאָגט איר דאָס האַרץ! אַי האָסטו אַ האַרץ!

— זעסטו דאָך!

— וואָס זע איך, וואָס? קליגערע פאַר דיר האָבן געמיינט, אַז ס׳איז שוין באַלד שלום! טויזנטער רובלס האָבן דאָך מענטשן אָנגעוואָרן! מענטשן זייגען דאָך בדיל־הדל געוואָרן!

— איז טאַקע די גאַנצע מעשה אַ ליגן? איז טאַקע גאַר־נישט געוואָרן? איז טאַקע...

אַ קיצור... דו זאָלסט היטן די בולבעס ווי די אויגן אין קאָפּ, דו הערסט? ווי די אויגן אין קאָפּ!!!

ט ש ו ו ע ק ע ם.

— הייסט דאָס גאָרנישט... אמת ר׳ זלמן האַ?

— משמעות אַזוי.

— הייסט דאָס, וואָס געווען איז געווען דער טענצל הייבט זיך אָן גאָר פון דאָסניי, האַ?

— ווייזט אויס... טאַקע אַזוי זעט דאָס אויס.

— הייסט דאָס, דאַרף מען עפּעס אָנגרייטן האַ, ר׳ זלמן?

— אָנגרייטן?

— אַ שטיקל זאַפּאַס מאַכן; ס׳שאַדט ניט — ווי זאָגט איר, ר׳ זלמן?

אַ זאַפּאַס שאַדט קיינמאָל ניט. אַז מ׳גרייט אָן זומער האָט מען ווינטער.

— הייסט דאָס—דאַרף מען זיך טאַקע נעמען צו דער אַר־בעט. אַבי איך האָב געמיינט, אַז...

— וואָס האָט איר געמיינט, וואָס?

— וואָס זאָל איך מיינען? נאָר ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז דער שידוך וועט זיך שוין ניט פאַרבאַנדערגיין, האָט זיך מיר גע־דוכט, און אין מיטן דערינען—גאָר אַ נייעם טאַנץ! ווידער מלחמה!

—ס׳טרעפט ניט, וואָס? מ׳רעדט און מ׳רעדט און מ׳פרעגט זיך נאָך און ס׳זיינען זיך געפעלן די מחותנים און מ׳איז דורכגע־קומען וועגן נדן און מ׳האָט אײַנגעשטימט וועגן קעסט, און מיט אַמאָל פאַרבראָכן זיך... אוי־אוי־אוי, ווי ס׳טרעפט!

— הייסט דאָס אויס כלה—ווידער מויד? אַזוי איז דאָס ר׳ זלמן?

— כמעט.

— איז דאָך טאַקע אַ יושר עפּעס אָנצוגרייטן, ר׳ זלמן!

— איך ווייס אַליין... די גרויסע חכמה וואָס דאָ שטעקט!

— נו האָט איר שוין עפּעס געקויפט, געהאַנדלט?

— געקויפט...

— אַ סך?

— אַ היבש ביסל—ס׳וועט קלעקן אויף אַ יאָר.

— אויף אַ גאַנצן יאָר?

— וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי? אַ שידוך, אַז ס׳ווערט קאַליע איז שלעכט—קאָן די כלה אַזוי זיצן און זיצן און זיצן...

— אָבער וואו נעמט מען אַזויפל געלט, וואו נעמט מען?

— ס׳וועגדט זיך, וואָס מ׳גרייט אָן. כ׳מיין...

— צו וואָס איר זאָלט זיך איצטער ניט צושטעקן... וואָס רעדט איר, ר׳ זלמן — איר שפּילט זיך עפּעס מיט אַ זאַפּאַס אויף אַ יאָר?

— האָב איך זיך טאַקע מוסר־נפש געווען, וואָס מיינט איר?!

— וויפל האָט איר אויף טשיקאַוועס אויסגעגעבן, ר׳ זלמן?

— וויפל? אַ האַלבן אייגנס!

— און וויפל באַטרעפט דאָס, ר׳ זלמן?

— דריי רובל מיט פופציק קאָפּיקעס!

— אַז־אָך־און־ווי, וואָס מ׳קען שוין איינקויפן פאַר אַזעלכע געלט...

— גענוג אויף אַ יאָר...

— וואָס האָט איר, אַדרבה, געקויפט, ר׳ זלמן?

— אַ פונט טשוועקעס צו די שיך... די גאַנצע משפּחה פאַר־זאָרגט אויף אַ יאָר טשוועקעס...

ברייזלעך.

ווי פון א נאַרישקייט קומט דאָס אמאָל אַרויס א גאַנצער טומל! ניט איך האָב עפּעס געמיינט, ניט איך האָב עפּעס געטראַכט, און—אומזיסט געקויפט זיך א שונא! די מעשה איז אַזוי געוועזן. איך זאָג נעכטן צו א יידן—א באַקאַנטער ייד, א שכן מיינער פון כמה יאָרן—זאָג איך צו אים:

— ניט קיין נאַרישקייט מיטן חרם אויף די ברייזלעך!

און אַזוי איז דאָך די מעשה, וואָרום מיר דאַרפן דאָך טאַקע נייטיק האָבן די ברייזלעך, ניין? ניט איך טרינק קיין בראַנפן, ניט איך דאַרף קיין בראַנפן, ניט איך בענק נאָך בראַנפן—ווער דאַרף דאָס?! כ'וועל ניט זאָגן, ס'ווילט זיך יאָ אמאָל א ביסל שנאַפּס, אָבער מאַלע וואָס ס'ווילט זיך—קיין ברויט איז דאָך דאָס ניט, און מ'קאָן ניט לעבן אָן בראַנפן, וואָס?

כ'מיין, ווער פאַרשטייט דאָס ניט, אַז צוליב עטלעכע שיכּורים און צוליב עטלעכע טריפהנע העלזער דאַרף ניט ליידן קיין גאַנצע שטאָט? און—איך בין גאָרניט מחויב צוליב זיי צו צאָלן א רובל א פונט ברויט?! א מחותן בין איך מיט זיי! יענע וועלן מאַכן קידוש און איך וועל דערפאַר באַצאָלן?! און דאָס איז דאָך ניט איך אַליין—מען שמועסט דאָך וועגן אַן עדה יידן, וועגן א גאַנצן כּלל, וואָס דאַרף די בראַנפן אויף צען כּפּרות, און אָן ברויט קאָן דאָך קיינער ניט אויסקומען!

אָבער לאָזט זיך אויס, אַז—דאָס האָב איך זיך שוין גאָרניט געריכט! כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז איך גלויב נאָך עד־היום ניט, אַז... קאָן דאָס געמאָלט זיין?!

הערט איר דאָך, אָט דער ייד, טאַקע מיין שכן—מיר

וואוינען שוין אַ טיר אין אַ טיר פון יאָרנלאַנג, און ווּעמען וואָלט דאָס איינגעפאַלן, אַז אָט דער ייד... אַז איך האָב מיינע אייגענע אויערן ניט געגלויבט! דער ייד האָט זיך אַנידערגעשטעלט אַנט־קעגן מיר און האָט געהאַלטן פאַר מיר אַ רעדע—ווי אַן אמתער אַדוואָקאַט, ווי איך בין אַ ייד!

לכתחילה האָב איך גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך און וואָס דער ייד מיינט און וואָס דער ייד וויל און וואָס איז ער דאָס עפּעס פאַר אַזאַ מליץ־יושר פאַר די פּיאַניצעס און וואָס איז ער אַזוי צוקאָכט פאַרן חרם — אַז איך ווייס ניט, וואָס דאָ טוט זיך! איך קען דעם יידן שוין יאָרנלאַנג און האָב אים קיינ־מאָל שיכור ניט געזען—טאָ וואָס איז ער זיך פאָרט אַזוי מוסר־נפש פאַר די ביסל משקה?!

ווי נאָר כ׳האָב געזאָגט, אַז ס׳איז ניט קיין נאַרישקייט, וואָס מ׳האָט געמאַכט אַ חרם אויף די בריינזלעך — האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט און האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזן מיט אַ דרשה, אַז—ס׳האָט מיך געהויבן אין דער לופטן, האָט מיך געהויבן. אָנ־געהויבן האָט ער מיט אַזאַ שאלה:

— זייט איר טאַקע צופרידן מיטן חרם?

— אַלץ הייסט צופרידן!

— וואָס איז?!

— ס׳איז אַ גלייכע זאַך!

— אַזוי מיינט איר?

— קלאָר ווי דער טאָג!

— און וואָס וועט זיין מיט יידן?

— וואָסערע יידן?

— יידן, פּשוטע יידן, וואָס ווילן עסן!

— וואָס הייסט—בראַנפן עסט מען, וואָס?

— און אייזן עסט מען? און מאַנופאַקטור עסט מען? און האָלץ עסט מען? און שוכוואַרג עסט מען?!

— אַנטקעגן וואָס זאָגט איר דאָס?

— אַ פיינע זאַך—און אַליין פאַרשטייט איר ניט, וואָס? אַז מען פאַרקויפט מאַנופאַקטור, צי האָלץ, צי אַ פאָר שיך—איז ווי

מיינט איר: מען פאַרדינט עפּעס דערפון, צי מען מסחרט און מ׳האַנדלט דאָס נאָר פון מצווה וועגן? אדרבא, ווי מיינט איר — מצוות זוכן יידן, צי פּרנסה?

— אוודאי פּרנסה, אָבער וואָס האָט דאָס איינס צו דאָס אַנדערע?

— זייט איר, האָט קיין פּאַראיבל ניט, אַ גרויסער — איר זאָלט אויף מיר קיין פּאַראיבל ניט האָבן, נאָר איר פאַרגינט קיי־נעם ניט דעם לעבן, איר פאַרשטייט? איר קאָנט ניט זען, ווי יענער עסט און ווי יענער — פּע!

אַז איך בין אַביסל פאַרקראָכן און אַז איך האָב זיך אַרויס־גערעדט אַ נאַרישקייט און אַז איך האָב בעסער געדאַרפט שווייגן — האָב איך געזען בעשיינפּערלעך. נאָר אין וואָס איז באַשטאַנען מיין נאַרישקייט — זאָל איך אַזוי קיין צער ניט האָבן, ווי איך האָב ניט פאַרשטאַנען! דאַכט זיך אין פלוג איז דאָך דער חרם אַ גליק פאַר יידן — וועלוועלער ברויט וועט דאָך ווערן! און דאָ קומט אין מיטן דערינען אַ ייד און דווקא אַ באַקאָנטער ייד און דווקא אַ שכן, וועלכן איך קען ניט קיין שיכור, און — ס׳אַראַ טענות! ס׳אַראַ רייד! פּונקט ווי איך וואָלט דאָס געוועזן דער גאַנצער שולדיקער אין יקרות! אָבער גיי זיי אַ חכם און פאַרשטיי, וואָס יענער מיינט און וואָס יענער טראַכט און וואָס יענער... נאָר אַז ער האָט זיך צערעדט מיטן גאַנצן מויל און האָט געהאַלטן זיין גרויסע דרשה — אין די אויגן איז מיר פינסטער געוואָרן! וואָס האָט ער געזאָגט? אָט איך וועל אייך איבערגעבן וואָרט אין וואָרט, און זאָגט איר אַליין אדרבא, צי ווייס מען אַמאָל און צי קען מען גאָר וויסן, ווען מ׳דאַרף ריידן און ווען מ׳דאַרף שווייגן און ווען מ׳דאַרף זיך פרייען און ווען מ׳דאַרף חלילה וויינען, און וואו איז דער שקר, און וועמען מ׳קען טרויען און...

מיין ייד, דער שכן מיינער האָט געהאַלטן אָט אַזאַ רעדע:

— מיינט ניט, אַז ס׳וועט אייך אַזוי גלאַט אַראָפּגיין! מיינט ניט, אַז מיר וועלן דאָס שווייגן! מיינט ניט, אַז איר וועט פירן אַ שטאָט יידן פאַרן נאָז! מיינט ניט, אַז איר האָט דאָ אָנגעטראָפן אויף קליינע יינגלעך! איר ווייסט אַפּנים, וואָס איר האָט אָנגע־

מאַכט מיט אײַער חרם?! גאָרגישט! — גענומען און אומגליקלעך געמאַכט אַ שטאָט יידן! מיט אײַזן מאָג מען האַנדלען, מיט מאַנופאַקטור מאָג מען האַנדלען, מיט האָלץ מאָג מען האַנדלען, מיט שוכוואַרג מאָג מען האַנדלען, און מיט בראַנפן — וועמעס דאגה איז דאָס מיט וואָס איך מסחר, האַ? אַ קונץ דאָס איז אַרײַנצולייגן יידן איז חרם, וואָס? סתם גענומען יידן און אָפּגענומען בײַ זיי די פּרנסה! מילא, אַז ס'וואָלטן געהאַלטן ברייזלעך נאָר איין מנין יידן — איז ניט שייך! אויך אַן עוולה, וואָרום יעדערער מסחרט מיט וואָס ער פאַרשטייט און מיט וואָס ער וויל און מיט וואָס דער אייבערשטער העלפט און פון וואָס ער ציט זיין חיונה! בפרט נאָך, אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַ שטאָט יידן, איר פאַרשטייט?! באשר אײַך האָט דער אויבערשטער געהאָלפן און איר — כ'ווייס וואָס איר מסחרט דאָרטן! דער גוטער יאָר ווייס אײַך, וואָס איר טוט, אַבי איר האָט זיך אײַער פּרנסה, און ווער טראַכט וועגן אײַך און ווער לייגט אײַך אין חרם, ווער? נו, און וואָס זאָל טאָן אַזאַ ייד ווי איך, וואָס!? סך־הכל איז אַריבער אַ גאַנצער יאָר צייט איידער — מ'האָט זיך גענוג אָנגעליטן אי הונגער אי קעלט אי בזיונות: געווען גוטע צרות, און טאָמער האָב איך זיך ריערנאָך געכאַפּט צום שכל און מ'האָט עפּעס אָנגעהויבן טאָן און מ'האָט... כ'וואָלט אפשר אַליין אויך בעסער געזעסן און געביטן קנאַקעדיקע הונדערטער און געגעסן. אָבער וואו נעמט מען זיי וואו? העכער אַ יאָר צייט איז מען געשטאַנען ווי אין מיטן ים און מ'האָט זיך געטרונקען, און געבן גיט קיינער ניט און העלפן העלפט קיינער ניט און איך אַליין גיי אַרום ליידיק און מיינע צוויי ברידער גייען אַרום ליידיק און מיינער אַ שוואָגער גייט אַרום ליידיק און מיינע צוויי שוועסטערקינדער האָבן אויך ניט וואָס צו טאָן, און — פאַרוואָס ניט קיין ברייזל, פרעג איך אײַך?! געזען אַביסל אַ תטא געפונען — מען מאַכט בראַנפן! אמאָליקע יאָרן אַז מען האָט געמאַכט שנאַפּס, איז רעכט געווען, און הײַנט — ס'אַראַ געוואַלדן! ס'אַראַ קולות! איר זאָגט, אַז ס'איז גוט דער חרם, אָבער מיר וועלן נאָך זען, וואָס ס'וועט זיין — מיר וועלן ניט שווייגן! אָט דאָ בײַ אונז נאָר אויפן הויף — איר ווייסט, וויפיל דאָ זייגען פאַר אַ

ברייזלעך? פאַר צען בין איך אייך ערוב, און אפשר טאַקע מער, וואָרום איינער באַהאַלט זיך פון דעם אַנדערן, און מ׳ווייס דען אַזוי אַקוראַט, פון וואָס דער לעבט און פון וואָס יענער לעבט? אַ חרם גאָר! און עסן וועט איר מיר געבן? וואָלט מען נאָך געמאַכט דעם חרם פאַר צוויי יאָרן—מילא! לכל־הפחות זיינען דאָך דאַמאָלסט ניט אַזויפיל יידן געווען אַרום ברייזלעך! אָבער היינט—אַז גאַנץ שטאָט טרייבט בראַנפן, טאָ אויף וועמען לייגט מען דאָס אַ חרם, האַ?

מילא איך האָב דאָך שוין געזען, אַז איך בין דורכגעפאַלן, וואָרום איך האָב זיך דערוואוסט אַזעלכע זאַכן, אַז... לאָזט זיך אויס, אַז כמעט אַלע מיינע בעקאַנטע, אַלע מיינע שכנים, אַלע מיינע פריינט, אַלע מיינע קרובים—אַלע האָבן ברייזלעך, און ס׳איז מיר בעת־מעשה אַריינגעפאַלן אַ מחשבה: ווער ווייס—אפשר האָב איך אַליין אויך אַ ברייזל? וואָרום מיין ווייב... דער גוטער יאָר ווייס איר: כסדר זי ווערט פאַרפאַלן און רק זי שושקעט זיך און—שווערן וועל איך שוין איצטער פאַר קיינעם ניט...

אַ קאַפּיטאַן.

(פון ווילנער מפּחיים).

אַ יונגערמאַן אין אַ שעסקענעס פּעלצל מיט אַ קאַראַקולענער היטל איז אויף מיר אָנגעלאָפן אויפן טראָטואַר מיט אַזאַ האַסט און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ביי מיר איז תּיכּף אַראָפּגעפאַלן מיין זומערדיקער הוט, ביי אים די קאַראַקולענע היטל, ביי אונז ביידן די שטעקלעך פון די הענט און מיר זיינען געבליבן שטיין מיט צעביילטע שטערנס איינער אַנטקעגן אַנדערן אָן לשון. לכתּחילה האָב איך געוואָלט ווערן ברוגז, נאָר בשעת איך האָב זיך באַלד אַ ביסל בעסער צוגעקוקט צום יונגענמאַן אין שעסקענעם פּעלצל און כ׳האָב דערזען, אַז דער שטערן איז ביי אים פאַרשוויצט, דער נאָז איז ביי אים פאַרשוויצט, און ווי ס׳רינט פון אים און ווי ס׳קאַפּעט פון אים און ווי ער בלאָזט נעבעך און ווי ער סאָפּעט — איז מיר תּיכּף אָפּגעגאַנגען דער גאַנצער כּעס, און אויפהויבנדיק פון טראָטואַר מיין זומערדיקן הוט, האָב איך אים נאָר אַ פרעג געטאָן:

— וואו לויפט דאָס אַ ייד אַזוי האַסטיק?

— דאָס הייסט, וואוהין דאַרף איך לויפן, פרעגט איר?

— זאָל זיין אַזוי.

— אין טייך אַריין. גלייך אין ווילִיע!

— ס׳טייטש, אַ ייד אין אַ שעסקענעם פּעלצל — דאָס איז דאָך איצטער אָן אייגנס!

— דאָס איז שוין ניט מיינע — ער האָט מיר שוין איינמאָל באַפּוצט! קיין תּחית=המתים וועל איך שוין ניט אויפשטיין!

— ווער? פּאַרוואָס? וואו? ווען?

— דער קאַפּיטאַן, פּאַר מצוות, אין ווילנע, נעכטן!...

נאָר איידער איך האָב באַוויזן אַ וואָרט אויסצורייידן איז אויף אונז ביידן אָנגעלאָפן...

אין דער ערשטער ווײַלע האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך ליג געוויס אונטער אַן אווטאָמאָביל, וואָרום ווי קאָן אַנדערש זיין? אַ שטויס האָב איך באַקומען, דאָס הייסט, דעם ערשטן שטויס האָט גאָר באַקומען דער יונגערמאַן אין שעסקענעם פּעלצל און איך האָב דאָס באַקומען דעם שליידער שוין פון דער צווייטער האַנט, אָבער ס'האָט געקלעקט—פונקטן זיינען מיר פון די אויגן געפלויגן! נאָר בשעת איך האָב זיך איינגעבויגן נאָך מיין זומער-דיקן הוט און נאָך מיין שטעקל און נאָך מיינע צעבראָכענע ברילן אין רינשטאָק אַריין, האָב איך ווי פון חלום דערהערט נעבן זיך:

— ניטאָ דער קאַפּיטאַן?!

— ניט געזען דעם קאַפּיטאַן?!

— לאָמיר לויפן נאָכן קאַפּיטאַן!!

— אַ פייער אין קאַפּיטאַן!

— אַ בראַנד אין קאַפּיטאַן!

אַז איך האָב זיך אַנידערגעשטעלט אויף ביידע פיס און האָב דערזען נעבן יונגענמאַן אין שעסקענעם פּעלצל נאָך צוויי יידן אויך אין וואַרימע פוטערלעך און דערצו נאָך אַ אשה מיט אַ גרוי-סער האַריקער מופטע, און אַלע זיינען זיי פאַרשוויצט און פאַר-סאָפּעט און פאַרמאַטערט און צעקאָכט און צעטראָגן און אַלע פרעגן זיך כסדר נאָך אויף עפּעס אַ קאַפּיטאַן — האָב איך שוין גאָרניט געוואוסט אויף וועמען ס'איז אַ גרעסערער רחמנות—אויף מיר צי אויף זיי.

שטיי איך מיר אַזוי אויפן טראָטואַר און איך קוק אויף דער חברה און איך טראַכט און איך חידוש זיך—און פון צווייטן עק גאַס לויפן ווידער אָן דריי מאַנסביל מיט צוויי ווייבער, און ווידער זיינען אַלע אין פּעלצלעך און אין מופטעס און ווידער זיי-נען אַלע פאַרשוויצט און צעקאָכט און צעטראָגן און ווידער:

— קאַפּיטאַן! קאַפּיטאַן! קאַפּיטאַן!

— אַוודאי האָט זיך מיר געוואָלט דערוויסן זיך וועגן דער מעשה=נורא, אָבער גיי רייד זיך אויף מיט מענטשן, וואָס הערן ניט וואָס זיי ריידן, וואָס וויסן ניט וואוהין זיי לויפן, וואָס שוויצן, וואָס סאָפּן און טראַכטן נאָר וועגן דער וויליע! אגב איז פון די אַלע ביין נפשות באַלד קיין זכר ניט געבליבן. מ׳האָט זיך פאַרשוויצטע צעשאָטן אויף ביין באַזונדערע גאַסן, און גיי שיט זיי זאַלץ אויפן עק! ערשט אויף מאָרגן אינדערפרי — אַז ס׳איז באַשערט קומט דאָס סוף=כל=סוף אָן — האָב איך פלוצלונג ווידער דערזען מיין ערשטן יונגנמאַן אין שעסקענעם פּעלצל, און היות ווי מיר זייבען שוין געווען באַקאָנט פון נעכטן, האָב איך אים געזאָגט אַ ברייטן גוט=מאָרגן און טאַקע באַלד אַ פרעג געטאָן:

— וואָס הערט זיך מיטן קאַפּיטאַן?

— ווי אין דער ערד אַריין!

— און מען קאָן אים טאַקע גאָרניט געפינען?

— פון די הענט האָט ער זיך ביי אונז אַרויסגעגליטשט!

— עפּעס אַ מאָדנער קאַפּיטאַן...

— לכתחילה איז ער דווקא ניט געווען קיין מאָדנער — אַ קאַפּיטאַן ווי אַ קאַפּיטאַן דאַרף זיין! כ׳האָב דאָך אים אַליין געזען מיט מיינע אויגן! דעם ערשטן מאָל איז מיר צו זען אַ קאַפּיטאַן?! נאָר אַז עס איז באַשערט אַן אומגליק און אַז עס איז באַשערט אַליין בדלות צו ווערן און אַריינצופירן נאָך צען יידן אין אַן אומגליק—ווערן פאַרשטעלט די אויגן און עס נעמט דיר אָפּ דער שכל און — מיט די אייגענע הענט האָב איך אים דאָך דערלאַנגט דעם גאַנצן פּעקל געלט! יידישע געשעפטן מיט יידישע מסחרים מיט יידישע גליקן — אין דער ערד האָט דאָס געמעגט גיין מיט אַלץ מיט אַנאַנדער! קיין חכם קען מען ניט זיין, און אַז מען זיצט אָפּ טעג און וואָכן אָן אַ גראָשן פּרנסה און מ׳זעט אַ לעבעדיקן הונט ניט — ס׳איז דאָך די וועלט פאַרשפאַרט ווי אַ טורמע! און דער יקרות איז גרויס און מען דאַרף אַ סך און עס ווערט מיאוס בייטנדיק די קנאַקעדיקע טויזנטער און מען ווערט געפאַלן ביי זיך און ביי יענעם, און מען מיינט, אַז דער

הימל האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזן און מען בלאָנדזשעט אַרום איבער די גאַסן ביז חלשות און אַז מען בייט אויס דעם טויזנטער גוערט פון אים אַ באַרג אַש און אַז קיין נייער קומט ניט צו, ווערט אין בוזעם אַלץ ווייניקער און ווייניקער און בשעת עס קומט אייגער און דערציילט דיר אַ מעשה, אַז אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך—וועסטו ניט גלויבן, וואָס? בשעת עס הערט זיך אויף צו רודלען און צו טומלען און דיינע טויזנטער צוקריכן צווישן די פינגער, ווערסטו זיך אָנכאַפּן אפילו אָן אַ געברענטן שטרויעך! און אַז ס׳איז געקומען צו מיר אַ ייד און האָט מיר דערציילט בסוד, אַז ס׳איז פאַראַן נאָך אַ ייד, וואָס קאָן זיך מיט אַ פּריץ און דער פּריץ קאָן זיך מיט אַ שררה און דער שררה קאָן זיך מיט אַ קאַפּיטאַן און פאַר דעם קאַפּיטאַן איז אָפן די וועלט— ער קאָן גיין און פאָרן און קומען און מסחרן און מאַכן עסק, און אַז אויב מען זאָל געבן דעם יידן געלט וועט ער דאָס אָפּגעבן דעם צווייטן יידן, און דער צווייטער ייד וועט דאָס אָפּגעבן דעם פּריץ און דער פּריץ וועט דאָס דערלאַנגען דעם שררה און דער שררה וועט דאָס צושטעלן דעם קאַפּיטאַן און דער קאַפּיטאַן וועט דאָס אין אויסלאַנד אויף דער בירזשע אויסבייטן און אַלע וועלן גליקלעך ווערן, און—עפּעס אַ בייזע שעה געווען: ביין יידן, דאָס הייסט, זעקס מאַנסביל מיט דריי ווייבער האָבן אָפּגעציילט כך וכך—הונדערטער טויזנטער, און מ׳האָט דאָס אָפּגעגעבן דעם קאַפּיטאַן און—איר זעט דעם קאַפּיטאַן—אָט אַזוי זעען מיר אים אָן! פאַרשטייט איר שוין וואו מיר האַלטן אין דער וועלט?!

בילדער.

שמוכל.

— אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט איר, דאַכט זיך דאַרטן אַ שוואָגער, ניין?

— וואו מיינט איר דאָס, ברײַנע־נעכע?

— מסתמא טאַקע אַ טעות געהאַט; האָט איר דאָרטן ניט קיין שוואָגער, פייגע־חיענע, האַ?

— כ׳האָב יאָ אַ שוואָגער, אָבער ער איז ווייט, אַ גרויל ווי ווייט!

— טאָ מאַכט ניט קיין שהיות און שרייבט אים אָן אַ בריוול — ער וועט אַוועקפירן!

— וועד, ברײַנע נעכע? ווער וועט דאָס אַוועקפירן?

— כ׳זאָג דאָך אייך: שרייבט אָן, און ס׳וועט זיין גוט!

— עפּעס אַ רעכטער מענטש פאַרט אַהין?

— איר קאָנט זיך שוין אויף אים פאַרלאָזן — מיינער טאַקע פאַרט דאָס.

— אייער וועלוול?!

— שאַ־שאַ־שאַ... טאַקע מיין וועלוול, שאַ...

— געזונט זאָלט איר זיין, ברײַנע־נעכע — איר ווייסט, דען וואו מיין שוואָגער וואוינט?

— איר זאָגט דאָך אַליין, אַז ווייט...

— יע, נו, אוודאי ווייט, אַזש... כ׳האָב גאָר פאַרגעסן ווי דאָס רופט זיך אפילו!

— איז טאַקע גוט — וועט ער אַוועקפירן מיין וועלוול.

— אַייער װעלװל?

— מײנער, װי זשע דען?

— אַזױ װײט װעט ער פאָרן? װאוהין איז דאָס?

— ער פאָרט װאו אַלע פאָרן, מיט סחורה פאָרט ער...

— מיט סחורה?!

— שאַ-שאַ-שאַ... אַ פױגל טאָר דערפון ניט װיסן!

— אַײער װעלװל!

— װעלװל, מײן װעלװל...

— איר זאָגט דאָך — מיט סחורה!

— אװדאי מיט סחורה, װי-זשע-דען?

— איז ער הײסט דאָס געװאָרן אַ...

— שאַ, אַ פױגל טאָר דערפון ניט װיסן.

— טאַקע אַ שמוכלער געװאָרן אַײער װעלװל?

— כ׳װײס אַלײן ניט װי צו זאָגן — זאָל נאָר זײן מיט הצלחה, רבונו של עולם!

— אַײער װעלװל?!

— װאָס איז אַײך אַזױ דער חידוש? ער איז אײנער, װאָס?

— ער האָט דאָך, דאַכט זיך, אָנגענומען אַ קנעלונג אַײער װעלװל!

— ש... ש... ער פאָרט דאָך ניט אַװעק אויף אײביק — ער װעט קומען, װי זשע דען, אװדאי װעט ער קומען.

— קרײנעלע, האַרצעלע — איז ער טאַקע געװאָרן אַ...

— שאַ...

— און דער חרם? מ׳האָט דאָך געמאַכט אַ חרם!

— גאָט איז מיט אַײך, פײגע-חיענע — ניט אויף אַלץ איז דאָך אַ חרם!

— מיט װאָס שמוכלט ער, אַײער...

— שאַ... ניט מיט עסן-װאַרג?

— חס-ושלום!

— טאָ מיט װאָס?

— גאָט װײס — אַרײנגעלײגט אין דעם אַ שטיק געלט... און מ׳װײס?

— מיט סקאַרפּעטקעס שמוכלט ער?
— שאַ... ווי קומט ער צו סקאַרפּעטקעס!
— מיט מלבושים?
— וואָס רעדט איר, פייגע־כיענע — מיין ווערלוול מיט מלבושים!
— טאָ מיט וואָס, בריינע־נעכעלע?
— שאַ... רוקט זיך אונטער אַ ביסל נענטער, ווייזט אייער אויער... ער פירט אין אוקראַינע שיר־המעלותן... שאַ־שאַ — שיר־המעלותן פירט ער...

פ אַ ר אַ ן אַ ג אָ ט.

— הערט איר ר׳ גרונם — מיר האָבן פאָרט אַ גרויסן גאָט!
— אַ שיינע מעשה — איר האָט זיך דאָס ערשט אַרומגעזען?
— כ׳האָב חלילה קיינמאָל אָן דעם אויבערשטן ניט פאַרגעסן, נאָר היינט זע איך טאַקע באַשיינפּערלעך, אַז קיין זאַך טוט זיך ניט אויף דער וועלט אָן זיין השגחה, אַז...
— אָן אַלטע מעשה: אַן ערלעכער ייד האָט דאָס אַלע מאָל געוואוסט.
— אוודאי אַזוי, נאָר ס׳טרעפט אַמאָל, אַז ס׳איז אַביסל קשהדיק: דו פאַרשטייסט ניט דאָס, דו פאַרשטייסט ניט יענץ...
— אַז מ׳דאַרף גאָר ניט פאַרשטיין! אמונה דאַרף מען האָבן, מער קיין זאַך ניט!
— אמת איז דאָס — מ׳טאָר איבערן קאָפּ קיין זאַך ניט נעמען, נאָר היינטיקע צייטן, ר׳ גרוינם, זיינען אַנדערע: די וועלט פירט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ, און ניט ווילנדיק טראַכט זיך — איר פאַרשטייט ר׳ גרונם?!
— ניין, איך פאַרשטיי ניט!
— הייסט דאָס, אַז אַזוי דאַרף דאָס זיין? הייסט דאָס, אַז מ׳דאַרף זיך כּסדר שיסן, אַז מ׳דאַרף זיך כּסדר שטעכן, אַז מ׳דאַרף זיך קוילן און מזיקן?!
— ס׳איז ניט מיין עסק — מיט אונזער שכל וועלן מיר אַלץ איינס גאָרנישט משיג זיין.

— און ווי איז, ר׳ גרונם, אַז ס׳טראַכט זיך פאַרט?

— וואָס טראַכט איר, וואָס? וואָס זייט איר דאָס פאַר אַ טראַכטער, וואָס?

— וואָס טראַכט איך, פרעגט איר? אַ שיינע שאלה! קוקט זיך אדרבא גוט איין אין מיר — איר דערקאָנט מיך?

— פאַרוואָס זאָל איך אייך עפּעס ניט דערקאָנען? איר זייט ר׳ ירוחם, זייט איר!

— ר׳ ירוחם צי ר׳ תּוררום, אָבער אַזאַ בין איך אַמאָל געוועזן? איר געדענקט מיך פון פאַר דער מלחמה?

— פאַרוואָס זאָל איך עפּעס ניט געדענקען — געזען אַ שאלה!

— נו?

— בין איך אין אייערע אויגן אַלץ דערזעלביקער?

— מ׳האָט אייך אַמאָל געדרופן ר׳ ירוחם און היינט רופט מען אייך אויך ר׳ ירוחם — וואָס איז די נפקא מינה?

— אָבער קוקט זיך גוט איין אויף מיר — דאָס בין איך?

— אַז איך דאַרף גאָר ניט קוקן — כ׳דערקען אייך נאָכן קול. פאָרט ר׳ ירוחם!

— און וויפל איז מיר אָפּגעקומען, ווייסט איר?

— ווען אַרט דאָס — איר זייט דאָך... איר זאָלט אויף מיר פאַראיבל ניט האָבן — איר זייט דאָך ניט קיין אינדיק! אָפּגעקומען, צוגעקומען — אַ נפקא־מינה דאָס איז!

— און מיר אַרט דאָס, מיינט איר?

— אָט אַזוי רעדט!

— כ׳רייד דאָס נאָר אַנטקעגן דעם, וואָס ס׳איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט — אָט דאָס רייד איך!

— ס׳איז איבעריק!

— וואָס איז איבעריק?

— טאַקע אָט דאָס גופא: געזען אַ נייס!!

— דאָס הייסט, קיין נייס איז דאָס טאַקע ניט, אָבער, אַז אַ מענטש פאַרטיפט זיך — זעט ער באַלד, אַז דער גאַנצער מענטש מיטן גאַנצן שכל מיט אַלע זיינע חכמות איז אַ גראָשן ניט ווערט, אַז דער עיקר איז השגחה — מער קיין זאַך ניט!

— דאָס איז אויך איבעריק.
— וואָס איז איבעריק?
— טאַקע אָט דאָס גופא: אַז יעדער בר־דעת פאַרשטייט דאָס במילא!
— איר פאַרשטייט דאָס נאָר, און איך האָב דאָס געזען! טאַקע היינט זע איך דאָס באַשיינפּערלעך — אָט דאָס מיין איך, ר' גרונם!
— וואָס זעט איר דאָרטן, וואָס? אַז דאָס אַליין טויג שוין ניט, איר פאַרשטייט? אָט דאָס גופא טויג שוין ניט!
— וואָס טויג ניט?
— אַן ערלעכער ייד דאַרף קיין סך ראיות ניט! צי איר זעט יאָ, צי איר זעט ניט — וועמען אַרט דאָס? וואָס איז די נפקא־מינה?! אַז מען דאַרף גאָרניט זען — אמונה — מער דאַרף מען קיין זאַך ניט!
— טאַקע אמונה, אָבער, אַז מען זעט נאָך דערצו דעם נס מיט די אויגן...
— וויפיל ניסים איז מיט אונז געשען?
— אָבער אַזאַ נס וואָס ס'האָט מיט מיר געטראָפן...
— דערציילט, ר' ירוחם, אדרבא לאָמיר טאַקע הערן.
— אַז איך זאָג אייך אַ נס — איז אַ נס!
— דהיינו?
פאַרשטייט איר מיך ר' גרונם... אַ קיצור, איר זעט מיין אויבער־בגד?
— אייער אויבער־בגד? כ'מיין, אַ קאַפּאָטע ווי אַלע, וואָס איז שייך?
— אָבער אַקוראַט אויף מיר די קאַפּאָטע, האַ?
— אָבער דער נס... איך זע נאָך דערווײַלע אייער נס ניט...
— קוקט זיך איין גוט — האָט קיין מורא ניט!
— מורא גאָר... אָט האָב איך זיך שוין איינגעקוקט: אַ קאַפּאָטע זע איך, אָבער קיין ניסים...
— אַ מאָדנער מענטש זייט איר, ר' גרונם: וואָס מיינט איר אָקאָרשט — פאַר דריי יאָרן וואָלט אויך געוועזן גוט אויף מיר אָט דער בגד?

— איר האָט דאָס נאָך אַזש פון פּאָר דריי יאָרן? מען דאַרף דאָס קאָנען איינהאַלטן!

— אָט דאָ ליגט דאָך דער נס, ר׳ גרונם!

— וואו? ווען? עפּעס רעדט איר היינט, ר׳ ירוחם, מאָדנע דיבורים!

— מילא, מ׳מוז אייך דערציילן די גאַנצע מעשה כסדר — אַז איר פאַרטייט ניט!

— דערציילט, כסדר, אַבי אַ נס זאָל זיין!

— די מעשה איז אַזוי: פּאָר דריי יאָרן האָט מיר אַ שניי־דער געמאַכט אָט דעם בגד. אפילו אַ גוטער בעל־מלאכה געוועזן, נאָר ס׳טרעפט זיך, אַז מ׳פאַרשמעלט...

— נו?

— אַלץ הייסט פאַרשמעלט! חאָטש נעם און טו אָן די קאַפּאָטע אויפן נאָז!

— נו!

— איז ער געהאַנגען אין אַלמער — אַז ער קריכט אויף מיר ניט!

— נו!

— געלעגן אַ יאָר, געלעגן צוויי יאָר... פאַראַיאָרן איז שוין געוואָרן אַביסל בעסער, אָבער אָנטאָן האָט מען אים אַלץ ניט גע־קאָנט. אַלץ הייסט פאַרשמעלט!

— נו, איז וואָס איז דערפון די ראיה?

— די ראיה?...

— יאָ.

— און איצט איז דער בגד דווקא גוט אויף מיר!

— נו... איז וואו איז דאָ דער נס?

— אַ שיינע שאלה! איר פאַרשטייט אַליין ניט?

— ניין.

— ס׳איז דאָך ברייטער געוואָרן די קאַפּאָטע!...

מ י ל י א נ ע ן.

סך-הכל צוויי יאָר אַריבער, און — אויב כ׳הייב דאָ גאָר אָן צו דערקאָנען עמיצן! אפילו אייגענע — מיין אייגענע ווייב, מיינע אייגענע קינדער — וואָס טוט זיך דאָ?!

דאָס הייסט, אויפן פנים דערקאָן איך זיי דווקא: אַביסל אָפּגעצערט געוואָרן, אַביסל עלטער געוואָרן, אַביסל גרעסער געוואָרן, אָבער אָן סכנות — אַן אייגענע זאַך דערקאָנט מען פאַר אַ מייל, און ווי נאָר כ׳האָב אַריבערגעשפּרייזט דעם שוועל פון מיין דירה, בין איך תיכף אַרויפגעפאַלן אויף מיין ווייב קושן זיך, און כ׳האָב קיין טעות ניט געהאַט — דאָס איז טאַקע געווען זי!

און די קינדער מיינע אויך דיזעלביקע מעשה: אָט איז מיין שלמקע — אַ קוש, אָט איז מיין ביילקע — אַ קוש, אָט איז — ס׳האָט ניט געפעלט וועמען צו קושן, וואָרום כ׳האָב זיך נאָך פאַר צוויי יאָרן גוט באַוואָרנט, און איידער כ׳האָב זיך דאַמאָלסט עוואַקואירט אין רוסלאַנד האָב איך פאַרזאָרגט מיין פלוניתטע מיט צוויי ייִנגלעך און מיט דריי מיידלעך.

אייגנטלעך איז דאָס אַביסל ניט ריכטיק, וואָרום עוואַקואירט האָבן זיך דאַמאָלסט נאָר די גבירים — זיי האָבן זיך פשוט גוט איינגעפּאַקט און זיינען אַוועקגעפאָרן אין טיף ראָסיי. אָבער איך — מיט מיר האָט דאַמאָלסט געטראָפן אַ שטיקל סיבה: איך בין צוגעפאָרן דאַמאָלסט אין טמאַרגאָן מכוח...

הערט איר דאָך, אַמאָליקע יאָרן בשעת ס׳איז נאָך געווען אַ שטיקל וועלט אויף דער וועלט און איך האָב זיך מיר דאָ אין ווילנע געהאַלטן אַ שפּייז-קרעמל — האָב איך אַמאָל געפּרובט פאַרדינען אַ רובל פון שדכנות אויך, פאַרוואָס ניט? דאָס הייסט, כ׳בין

קיין שדכן קיינמאָל ניט געווען, נאָר ס׳איז ניט שייך, בשעת ס׳מאַכט זיך אונטער דער האַנט אַ גלייכע זאַך ביי באַקאַנטע מענטשן און מ׳דאַרף מער ניט אַביסל אונטערשטופּן — איז מען זיך מטריח און מ׳שטופּט אונטער, פאַרוואָס ניט?

איז טאַקע דאַמאָלסט, ערב דער גרויסער בהלה — אַז ס׳דאַרף טרעפן אַן אומגליק, פאַרווילט זיך אַ סמאַרגאָנער מיידל חתונה האָבן דווקא אין רעכטן רעש, טאַקע בעת די נגידים האָבן זיך געהאַלטן אין איין עוואַקואירן, און איך — קיין גרויסער פּאָליטיקער און קיין גרויסער גלאַוונאָקאָמאַנדויושטשי בין איך ניט, און ס׳איז ביי מיר רעכט געווען, אַז דער דייטש קאָן נאָך אַזוי אָפּשטיין אויף יענער זייט ווילגע ימים ושנים, און די סמאַרגאָנער מיידל דאַרף אַ שידוך טאָן און אַ בחור האָב איך געהאַט פאַר איר ווי אָנגעמאָסטן און פרנסה האָב איך אַלעמאָל געדאַרפט, וואָרום פון די באָמבעס, וואָס מ׳האָט דאַמאָלט געוואָרפן, האָב איך נאָך קיין דירה־געלט ניט געקאָנט צאָלן — האָב איך זיך מישב געווען און בין אַוועקגעפאָרן אין סמאַרגאָן און...

דעם סוף מיינעם פאַרשטייט איר דאָך שוין מסתמא אַליין: טאַקע אין דעמזעלביקן פאַרנאַכט, בשעת איך בין געזעסן ביים סמאָרגאָנער מחותן און האָב געגעסן וועטשערע... הערט איר, סאיז נאָך עפּעס אַ נס מן השמים וואָס די ערשטע זאַך, ווי נאָר כ׳בין אַריינגעקומען צום מחותן, האָט מען מיך געבעטן וואַשן זיך עסן, וואָרום ווען כ׳הייב אָן ריידן צו דער זאַך, טאַקע וועגן ענין, טאַקע וועגן חתן און כ׳לייג אָפּ די וועטשערע אויף איין האַלבע שעה מערניט — וואָלט איך געבאַך געדאַפט לויפן דאַמאָלסט פון סמאָרגאָן אַ הונגעריקער! ס׳איז מיר אַפילו אַזוי אויך ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. אָקאָרשט איך קום צופאָרן, אָקאָרשט כ׳וואַש זיך און זעץ זיך ביים טיש, אָקאָרשט אָפּגעגעסן דאָס ערשטע געריכט — דאַכט זיך, פליישיקע קרויט, און...

אַ קיצור, וואָס ס׳איז דאַמאָלסט געוואָרן פון סמאָרגאָן, ווייסט איר דאָך — וואו מחותן? וואו כלה? וואו שדכנות? אַ תוהו־ובוהו, אַ שיסעריי, אַ לויפעניש, אַ יאָגעניש, און איך — אַלע לויפן לויף איך אויך, אָבער ניט צו דער ווייב און ניט צו די קינדער,

נאָר אַלץ ווייטער און ווייטער, און ווייטער ביז כ'האָב זיך דער־קייקלט אין אַ שטעטל...

כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת: כ'האָב גאָר אפילו ניט גע־וואוסט ווי דאָס שטעטל רופט זיך. וואָרום וואָס איז מיר געווען די נפקא־מינה? דער עיקר איז דאָך, וואָס כ'האָב שוין מער ניט געדאַרפט לויפן, און וואָס דאַרף מען בעסער? אַ עסן? אַ טרינ־קען? אַ שלאָפן? דאָס איז אַ קלייניקייט, אַבי דער נפש איז זי־כער, אַבי כ'הער ניט מער קיין שיסערייַ פון האַרמאַטן, אַבי כ'זע ניט מער קיין הודזשענדיקע אַעראָפּלאַנען, אַבי אין שטעטל איז פאַראַן אַ בית־מדרש, אַבי אין בית־מדרש איז פאַראַן אַ באַנק, און כ'האָב זיך דאָרטן אויסגעצויגן ווי אַ פּריץ, זאָג איך אייך!

אמת ס'איז מיר דאָרטן דאָס ליגן ניט איינגעגאַנגען, וואָרום די ווייב און די קינדער — די גרויסע קאַפּיטאַלן, וואָס כ'האָב זיי דאָרטן איבערגעלאָזן? נאָר גאָרנישט, קיין בן־יחיד בין איך דאָך דאָרטן ניט געווען — יעדערער מיט זיין פּעקל צרות, און שאַ־שטיל אַבי מ'לעבט, אַבי די נשמה האַלט זיך, אַבי — אייביק וועט דאָך די מלחמה ניט דויערן, און מ'וועט ויך נאָך ווען ס'איז מסתמא זען געזונטערהייט און ס'וועלן נאָך זיין שמחות און פרייד און...

אָבער אויסגעלאָזן האָט זיך — בוידים. וואו שמחות? וואו פרייד?, דאָס הייסט, די ערשטע ווילע בשעת איך בין אין צווי יאָר אַרום אַריינגעקומען אין מיין שטוב צו מיין ווייב און צו מיי־נע קינדער — אויף קיין בעסערן קבלת פנים האָב איך זיך בפירוש ניט גערעכנט! מ'האָט זיך געקושט און מ'האָט געוויינט און מ'האָט געלאַכט, און די ווייב האָט מיר געשמייכלט און די קינדער זיינען פון מיר ניט אָפּגעטראָטן, טאַקע אַלץ ווי ס'האָט זיך מיר אפשר טויזנט מאָל געחלומט — אַלץ ווי ס'דאַרף צו זיין! אָבער אויף מאָרגן פרי — איך האָב דערשמעקט, אַז ס'איז ניט דאָס! דאַכט זיך גאָר־נישט, קיין זאַך ניט — מ'איז מיט מיר גאַנץ פריינדלעך און אדרבא ואדרבא, אָבער ס'איז פאָרט ניט דאָס, און די ווייב...

לכתחילה האָב איך גאָרניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך, וואָס זי מיינט און מיט וואָס כ'האָב דאָ פלוצלונג חוטא בעגל גע־ווען — אַז כ'האָב נאָך גאָר קיין צייט ניט געהאַט מיט עפּעס איר

אָנצוטרעטן אָדער מרגז צו זיין! אָבער וואָס איז די נפקא=מינה — כ׳זע דאָך, אַז זי איז מיט מיר עפּעס — ניט ברוגז, אָבער גוט= פריינד אויך ניט, און עפּעס אַלע ווײַלע קוקט זי מיר אַלץ אין די אויגן, טאַקע פּונקט ווי כ׳וואָלט געהאַט עפּעס אַ סוד און כ׳וויל איר ניט אויסזאָגן.

מילא, אַז איך ווייס ניט איז דאָך ניט שייך, און דאָ טו איך אַ טראַכט: מסתמא דוכט זיך דאָס מיר, וואָרום היתכן, קען דאָס דען געמאָלט זיין, אַז שוין דעם ערשטן טאָג זאָל זי... אָבער אויף מאָרגן — מיין פּלוניתטע ברענט ווי אַ פייער, עפּעס טאַקע ווי כ׳וואָלט קיינמאָל גאָר ניט אַוועקגעפאָרן, ווי כ׳וואָלט ביי איר גאָר קיין גאַסט ניט געווען און — זיי אַ חכם און פאַרשטיי וואָס דאָ טוט זיך! דער עיקר האָב איך בשום אופן ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט ניט אויפגעהערט צו טאַפּן מיין קליינעם טשעמאָדאַנ= טשיק, וואָס כ׳האָב געבראַכט מיט זיך. אפשר צען מאָל אַ טאָג וואַרפט זי דאָרטן איבער די עטלעכע צוריסענע העמדער, זוכט, טאַפּט, טרייסלט, און קוקט בעת=מעשה אויף מיר, און קוקט אויף מיינע הויזנקעשענעס און קוקט אויף מיין זשילעטקע, ביז זי האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— דאָס איז גאָר?

— וואָס?

— כ׳מיין, מער האָסטו גאָרנישט געבראַכט?

— וואָס כ׳האָב געהאַט — האָב איך געבראַכט.

— נו...

— וואָס נו?

— און געלט?

— וואָסערע געלט?

— אַלערליי...

— כ׳פאַרשטיי ניט, וואָס דו פרעגסט!

— וואו איז דיינע געלט? וואו האָלטסטו דאָס?

— וועלכע געלט?

— פאָרסט דאָך פון רוסלאַנד, פאָרסטו דאָך!

— יע נו, אַוודאי פון רוסלאַנד.

— טאָ וואו איז דיינע געלט, וואו?
— האָסט מסתמא א טעות...
— מ׳האָט דיר בעגנבעט? רייד!
— חס ושלום! ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?
— טאָ וואו איז דאָס? פאָרסט דאָך פון רוסלאַנד!
— אוודאי פון רוסלאַנד—קוים אַנטלאָפן!
— נו רבונו־של־עולם!
— וואָס איז?
— מענטשן ברענגען מיליאָנען, און ער...
— אַז מ׳האָט—ברענגט מען, אוודאי ברענגט מען, ווי־זשע דען?
— מ׳שלעפט דאָך גאַנצע זעק, שלעפט מען דאָך!
— איך וואָלט אויך געשלעפט, פאַרוואָס ניט?
— נו?
— וואָס, נו?
— האָסט אפשר ערגעץ איבערגעלאָזן אויפן וועג? צי ניט די עצמות—רייד ווערטער!
— אַן איינפאַל פון א יידענע—ווער לאָזט דאָס איבער געלט?!
— טאָ וואו איז דאָס? וואו ליגט דאָס ביי דיר?
— צי דו ביסט אַליין משוגע, צי דו מאַכסט דאָס מיך משוגע? וואָסערע געלט? וועלכע געלט? אַיינגעדרומלט זיך אין קאָפּ א משוגעת—ווי קום איך צו געלט, ווי קום איך דערצו? ס׳איז מיר גע־נוג די נשמה אַרויסגעקראָכן, איידער כ׳האָב אויפגעקליבן אויף דער הוצאה—ווייסט וואָס ס׳קאָסט איצטער א בילעט?
— אָט דאָס איז א שלימזול... פאָרסט דאָך פון רוסלאַנד, פאָרסטו דאָך!

א קיצור, כ׳האָב זיך מיט מיין פלוניתטע שוין איינמאָל גוט צעווערטלט און האָב איר אַריינגעגאָסן א פאָרציע, אַז זי וועט דאָס האָבן צו געדענקען זינט זי וועט לעבן. אָבער מיינט איר, ס׳האָט עפּעס געהאָלפן? איין טענה און איין פזמון: אפשר האָב איך פאַרגייט מיינע געלט וְאין א הויזנקעשענע, אפשר האָב איך

דאָס פאַרשטעקט אונטער דער פּאָדעשווע און אפשר ליגט דאָס אין דער זשילעטקע...

ווי געפעלט אײַך עפּעס אַ ייִדענע, האַ? סך־הכל האָט זי דאָך געדאַרפט גומל בענטשן, וואָס זי איז ניט געבליבן קיין לעבדיקע עגונה, וואָרום וויפל האָט דאָס געפעלט, מיינט איר? געלט איז אַוודאי אַ גוטע זאַך—ווער ווייס דאָס ניט, ווער?

אָבער כ׳פרעג אײַך אדרבא: וואָס אמת איז אמת—געלט האָט מען אין רוסלאַנד אָנגעדרוקט אַ סך און די וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דער דרוקאַרניע, האָבן טאַקע אָנגעשטאָפּט אין די קעשענעס אַ היבש ביסל. אָבער ערשטנס, זיינען דאָך ניט אַלע קיין מחותּנים אויבנאָן, און צווייטנס—מ׳דאַרף דאָך האָבן צייט אויף דעם און מ׳דאַרף דאָך האָבן אַ רואיקן קאָפּ דערצו, און איך...

גיי רייד מיט אַ ייִדענע—זי ווייס דען, וואָס ס׳האָט זיך געטאָן אין רוסלאַנד, וואָס? סך־הכּל, איז דער ערשטער יאָר בײַ מיר אַוועקגעגאַנגען—איר ווייסט, וואָס כ׳האָב געטאָן דעם גאַנצן יאָר? כ׳האָב געמאַכט סווידעטעלסטוועס! ביים קאָזאַק, דאַרפט איר וויסן, איז קיין חכמות ניטאָ, און ער קוקט ניט, וואָס כ׳האָב געלאָזן אַ ווייב אין ווילנע מיט פינף קינדער און וואָס אַליין בין איך נעבעך—מ׳האָט מיך געבעטן מחילה צום פּריזיוו! און מערניט אײַנמאָל מיינט איר? מיט צען מאָל בין איך נאָך אויך ניט יוצא געוועזן—אַלע וואָך אַ נייע גזירה, און—ווען איך זיך הייסט דאָס, באַלד אַריינוואַרפן אין אַ שינעל און ווען זיך כאַפּן צום ביקסל, וואָס? אַז אין ווילנע האָב איך אַ ווייב מיט פינף קינדער — ווען איך גאָר אין מיטן דערינען ווערן אַ שיסער! מיין געלט און זייער... באַצאָלט אַ הונדערטער, און איך בין קראַנק אויף אַן אויג, באַצאָלט נאָך איינעם, און איך בין אַ חולה אויפן מאָגן, באַצאָלט אַ דריטן, און איך בין שוין גאָר אַ גוססער און—וואָס איז טייערער: געלט צי דער נפש, האַ? און די לעצטע העמד וואָלט איך ניט אַוועקגעגעבן, וואָס?

פאַרשטייט איר דאָך שוין מסתמה, ווי גוט מיר איז געוועזן און ווי כ׳האָב געקאָנט מסחרן און האַנדלען! ס׳האָט נאָך געטראָפן אַ בעסערע מעשה: איינמאָל האָט מען אַרויסגעגעבן אַ פּריקאַז: אַלע־

מען! אַלע לעבעדיקע נפשות, קראַנקע, צרהדיקע—אַלע אין די שפּי־
טעלן אַריין! ווייסט איר, וואָס כ׳האָב דאַמאָלסט געטאָן? איין
קליינינקייט—כ׳בין געשטאָרבן! פאַר אַ הונדערטער לעבט מען און
פאַר אַ הונדערטער שטאַרבט מען אויך, איר פאַרשטייט?
און אַ ביסל שפּעטער, ווען ס׳איז געקומען די ישועה און ס׳איז
געוואָרן אַ ביסל בעסער, אַ ביסל פרייער, אַ ביסל קאָנסטיטוציע, אַ
ביסל רעספּובליקע, אַ ביסל חברים—האָב איך מיינט איר, דאַמאָלסט
צייט געהאַט צו זוכן גליקן? ווי נאָר כ׳בין אויפגעשטאַנען תחית־
המתים, האָט זיך מיר תיכף פאַרוואָלט אכלען, און כ׳האָב זיך דאַ־
מאָלסט אַוועקגעשטעלט אין אָטשערעד—בין איך געשטאַנען און
געשטאַנען...
אָבער גייט טענהט מיט אַ ווייב—געלט וויל זי גאָר! אָט
אַזוי ווי איר זעט, הערט זי ניט אויף צו טאַפּן מיין טשעמאָדאַנ־
טשיק: אפשר האָב איך פאַרגעסן... דאַכט זיך, אַן אַנדער ווייב אויף
איר אָרט—גומל בענטשן האָט זי געדאַרפט! אַ מאַן וואַלגערט זיך
אָפּ דריי קיילעכדיקע יאָר אין דער פרעמד און מ׳שטייט אויס אַזוי־
פיל עינוים קשים און מ׳גייט דורך אַלע שבעה מדורי גהינום, און
מ׳שטאַרבט און מ׳ווערט ווידער לעבעדיק און מ׳קומט צופאָרן גע־
זונטערהייט צו אַ ווייב מיט קינדער—מאָג מען, דאַכט זיך, זיין
צופרידן, אמת? און זי—הערט איר דאָך, זי מיינט דאָך נאָך אַלץ,
אַז געבראַכט האָב איך געוויס די גרויסע מיליאָנען, נאָר וואָס זשע
רען—איך פויל זיך אַרויסצונעמען פון טשעמאָדאַנטשיק...

אַ נס.

(נעבעך אַ בעזשענעץ).

ס'האָט זיך היינטיקע וואָך, טאַקע פאַראַכטאָגן פרייטאָג האָט זיך אומגעקערט אַהער פון די ווייטע מקומות מיינער אַ לייבלע-כער פעטער, אַ באַיאָרנטער ייד, וואָס איז נעבעך אָפּגעוועזן מיט זיין גאַנצער משפחה פינף יאָר נאָכאַנאַנד אַ בעזשענעץ. קיין חידוש ניט, וואָס כ'בין באַלד אויף מאָרגן אַוועק אים געוואָר ווערן און דווקא ניט מיט ליידיקן — מיט אַ היבשע שטיקל צוקער און מיט אַ ווייסע בולקע.

ערשטנס, איז דאָך דאָס מיינער אַ פעטער און נאָך וואָס פאַר אַ פעטער! פאַרן לויפן פון דאַנען, נאָך מיט פינף יאָר צו-ריק, איז ער שוין געוועזן אַ בעל-מטופל פון שיינע עטלעכע צענדליק טויזנט רובל — סתם רובלס, מחמת דאַמאָלסט האָט מען נאָך ניט געוואוסט פון קיין רובלס מיט לעכלעך, פון קיין רובלס מיט צלמים, פון קיין רובלס מיט פגימות: אַ רובל איז דאַמאָלסט געווען אַ רובל סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט און מיט אַ רובל, דאָס הייסט, מיט סתם אַ רובל, מיט אַן אַמאָליקן רובל, האָט מען געקאָנט...

וואָס האָט מען אין יענע גוטע צייטן ניט געקאָנט אויפטאָן פאַר אַ רובל?! אַ מאַדאַם האָט געקאָנט אַוועקגיין מיט צוויי שפחות אין גאַס און פאַר איין רובל אָנקויפן צוויי גרויסע קאָשיקעס פון כל-טוב און דינגען זיך פאַר איין רובל מיט צען ווייבער אַ האַלבן טאָג און באַקומען פאַר איין רובל קללות פאַר אַ גאַנצע וואָך. אַ פיינער באַלעבאָס האָט געקאָנט פאַר אַ רובל קויפן שלישי און

שישי און חתן־תורה און חתן־בראשית, און אויף אַ שמחה האָט ער געוואָרפן אַ רובל דרשה־געשאַנק; אַ בעל־עגלה האָט פאַר אַ רובל געקויפט היי פאַרן פערד, אַ פיש־קניידל פאַר זיך, אַ לונגען־לעבער פאַר די ווייב און אַ מזוזה פאַר גאָט. און אַ פּרוש אויפן שול־הויף האָט מיט אַ רובל באַצאָלט פאַר אַ יאָר טשיינע־טיי, פאַר אַ יאָר דירה־געלט, פאַר אַ פּאָר אַלטע קאַלאָשן און האָט נאָך די איבעריקע אָפּגעשיקט דער ווייב אויף דער הוצאה...

אַ קיצור, אַ מאָל איז אַ רובל געווען ניט קיין געוואַרטע זאַך, און אָט דער פעטער מיינע, דער בעזשענעץ, האָט אַזעלכע רובלס געהאַט אַ גוזמא נוראָ! דאָס הייסט, איך האָב דאָס געמאָגט ניט וויסן אויך, מחמת בעת איך האָב אַ מאָל געפּרובט מאַכן פאַר אים אַ קרומע מינע און בעטן אַ הלואה, טאַקע ניט מער ווי איין רובל — האָט דער פעטער מיינער געמאַכט נאָך אַ קרומערע מינע און — ער האָט טאַקע ניט געוואוסט! אָבער קיין סודות זיינען ניטאָ, בפרט נאָך פון אַ פלימעניק און — אַז איך זאָג אייך, אַז ער האָט געהאַט מטבע מיין פעטער, מסתמא האָט ער געהאַט! איז דאָך די קשיא: וואָס איז ער דאַמאָלסט, פאַר פינף יאָרן הייסט דאָס — וואָס איז ער דאַמאָלסט אַזוי געלאָפן? איז דער תירוץ: טאַקע דווקא ווײַלע ער האָט געהאַט!

צווייטנס האָב איך זיך אויסגערעכנט: אַ גע־ונדניק וואָס האָט זיך נעבעך פינף יאָר מיט ווייב און קינדער כסדר געוואַלגערט אין אַזעלכע מקומות, וואו מ'עסט פערד און קעץ און אייזלען און פּיפּערנאָטערס און מ'עסט גאָר ניט אויך אַמאָל, און אַ בעסערן ביסן זעט מען דאָך דאָרטן אוודאי קיינמאָל אין די אויגן ניט אָן און געלט איז דאָרטן קיין געלט ניט און אַ באַלעבאַטישער מענטש איז דאָרטן קיין מענטש ניט און אַ קראָם איז דאָרטן פּסול און פאַר אַ שטיקל מסחר שיסט מען דאָרטן גאָר אויס און אַהער קומט מען דאָך נעבעך אַראָפּ פאַראָרימט און פאַרשמאַכט און פאַרחלשט קוים מיט דער נשמה — טאָ ווי בריינגט מען דאָס ניט אַזאַ פעטער עפּעס אַ שטיקל לאָבונג אָפּצוחיהן די האַרץ?

אָבער אַ פלאַדיקע מעשה: פינף טעג כסדר האָב איך זיך דאָך צו מיין פעטער און צו מיין מומען און צו מיינע שוועסטער־

קינדער—פינף טעג כּסדר האָב איך זיך דאָך צו זיי ניט געקאָנט צושלאָגן! דריי מאָל אַ טאָג בין איך מיר מיט מיין מתּנה אין האַנט געגאַנגען חיה'ן און מינטערן מיין פּעטער און—מ'לאָזט מיך צו זיי ניט צו! כ'האָב אַפילו אין דער משפּחה מיינער נאָך פּעטערס אויך, אָבער וואָס האָט דאָס איינס צו דאָס אַנדערן! אַז אַ פּעטער קומט אַראָפּ אין פינף יאָר אַרום אַ בעזשענעץ און איז אוודאַי אַזאַ גרויסער נצרך און דאַרף אוודאי מען זאָל אים טרייסטן, מען זאָל אים אויסהעלפן, מען זאָל אים דורכטראָגן, מען זאָל אים אויפבויען, מען זאָל אים אָפּחיהן, און יעדע רגע איז פאַר מיר אַ יאָר און צוקער האָב איך מיט זיך און אַ ווייסע בולקע טראָג איך אין קעשענע, און—זען דעם פּעטער קען מען ניט!

האָב איך דאָך אָנגעהויבן נאָכפרעגן ביי דער משפּחה, וואָס טוט זיך מיט מיינע קרובים: צי זיינען זיי חלילה קראַנק, צי שוואַך, צי הונגעריק, צי חלילה—ווער ווייס, אפשר גאָר געשטאָרבן! איך מיין, אַז מ'איז אַ בעזשענעץ גאַנצע פינף יאָר קען דען פּלוצלונג ביים שוועל פון דער אייגענער היים די נשמה ניט אַרויס? אָבער די שפּחה קוקט מיר אָן ווי משוגע, וואָרום זיי זיינען, זאָגט זי, אַלע געזונט און שטאַרק און פריילעך, און זיי עסן אַלע גאָט צו דאַנקען מיט אַפּעטיט און זיי טרינקען און...

— טאָ פאַר וואָס לאָזט מען מיך ניט אַריין צום פּעטער?

— אין עטלעכע טעג אַרום וועט מען אַלעמען אַריינלאָזן!

— פאַר וואָס ניט שוין, די רגע?!.

— ניט געהייסן!

— פאַרוואָס?

— כ'ווייס ניט.

— וואָס טוט ער דער פּעטער?

— ער שטייט איינגעבויגן...

— נעבעך איינגעבויגן!

— אַזוי איז ער פריילעך, גאַנץ פריילעך...

— נאָר וואָס?

— גאָרנישט—די ווייב און די זין און די טעכטער זיינען אַלע אַרום אים און...

— איז ער קראַנק דער פּעטער?

— ניין — זיי טרענען אים...

— ווער? וואָס? ווי זאָגט איר?

— די ווייב און די קינדער — זיי שטייען אַלע אַרום אים מיט שערעלעך און מיט מעסערלעך...

— שניידן זיי דעם פּעטער?!

— גאָר! וואָס עפּעס דעם פּעטער!

— איר זאָגט דאָך!

— זיינע מלבושים טרענען זיי אויף אים: די ווייב טרענט די קאַפּאָטע, די זין טרענען די הויזן, די טעכטער טרענען די העמד...

— פאַר וואָס? פאַר ווען? ווער שניידט דאָס איצטיקע יאָרן אַ בגד?!

— וואָס ווייס איך? איך ווייס גאָרנישט...

אויפן זעקסטן טאָג, האָב איך זיך סוף־כל־סוף נאָך לאַנגע מאַטערניש קוים־קוים דערשלאָגן אַזש צו מיין פּעטער. כ'האָב זיך אים געוואָרפן אויפן האַלז און איך האָב אים אָנגעקושט ווי ס'וואָלט געקומען מיין טאַטע פון יענער וועלט און כ'האָב אַרויסגעצויגן פון קעשענע מיין מתנה און...

אַז איך בין געקומען אַ ביסל צו זיך, האָב איך ערשט דערזען ווי מיין פּעטער האַלט אַ פּאָר הויזן אין די הענט און שניידט פון דאָרטן די קנעפּלעך, און שניידנדיק אַזוי איז איין קנעפּל אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און...

כ'האָב אים געוואָלט פאַרשפּאָרן אַ טרחה דעם פּעטער — האָב איך דעם קנעפּל אויפגעהויבן און...

הערט אַ נס: ביי מיר אין האַנט איז פון פּעטערס קנעפּל פּלוצלונג געוואָרן אַ צען־רובלדיקע — טאַקע אַ גאָלדענע...

אָט וואָס מיט אַ בעזשענעץ נעבעך קאָן טרעפן...